ויהי היום ״אין ויהי אלא לשון צרה״, אַזוי ווי גינזבערג מיט זיין שמש דער באַוואוסטער מושחת ארי׳ רלב״ג האָבן זיך דערזען ווי ענג זיי האַלטן, און זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב

טוט מען שוין נישט עפעס דערוועגן דאַן זענען זייערע טעג געציילטע און וועלן אינגאַנצן פאַרלירן די מאַפיאַ ביזנעס (וועלכעס זיי רופן אָן "דין תורות"), איז זיי איינגעפאַלן אַן עצה —דהיינו, מ'וועט זיך אָנהויבן שלאָגן אין דער עפענטליך אַקעגן די רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיוון; מ'וועט מאַכן אַ גרויס גערעאַטשקע אויף די מידיאַ און זיך אַזוי אַרום שאַפן פּאָבליסיטי כדי מ'זאָל וויסן אַז זיי עקזעסטירן נאָך, און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטוען! זיי זענען געגאַנגען צו די טעלעוויזיע, ראַדיאָ סטאַנציעס און צו אַלע גוי'שע צייטונגען, און אַ יעדן צודרייט און משוגע געמאַכט, אַז די וועלט זאָל וויסן אַז "הערשל גינזבערג און ארי' רלב"ג, די פאַרטרעטערס פון כלל ישראל, טוען פּראָקלאַמירן און אויסרופן אַז "די רעפאָרמער זענען נישט קיין אידן" (זיי אָבער פאַרשטייט זיך פירן זיך יאָ אויף ווי אידן!) די תוצאות דערפון זענען לײַדער געווען אומגעווינטשן, און צוליב טאַקע זיי, ליידן היינט אחינו בני ישראל אומעטום און בפרט אין ארץ ישראל, ווי די נאָכפאָלגענדע נייעס באַריכטן האָבן עס אַליין שוין מערערע מאָל קלאָר געשריבן.

## די ביזנעס גייט נישט, וואָס טוט מען ווייטער?

על כל פנים, נאָכדעם ווי ס'האָט זיך צוביסלעך אָפּגעשטילט, און גינזבערג און רלב"ג האָבן איינגעזען אַז אַ חוץ די צרות וואָס דאָס האָט אָנגעאַרבעט האָט דאָס אָבער זיי דערווייל קיין ביזנעס נישט געברענגט, און אדרבה, דער עולם האָט דאַן שוין איינגעזען אַז דאָס זענען נישט מער ווי צוויי צרה'לייט, צו בעסער געזאָגט צוויי פוסטע ליידיג גייערס וואָס

האָבן פשוט נישט וואָס צו טוען מיט די צייט, - ערשט דאַן, האָט דאָס ביסל רעשט עולם וואָס האָט זיך נאָך ביז דאַן געהאַט איינגערעדט אַז די ״אגודת הרבנים״ איז עפּעס אַ יש, שוין אויך יעצט איינגעזען ווער די ״חברה״ זענען.

## מען נעמט צו נאָך אַ מאַפיאָנער, כדי אויפצוהייבן דעם נאָמען פון אגודת הרבנים

על כל פנים, יעצט האבן זיך גינזבערג און רלב״ג שוין געמוזט זוכן אַנדערע עצות און אופנים ווי אַזוי צוריקצושטעלן זייער מאַפיאַ ביזנעס, ביז עס איז טאַקע זיי איינגעפאַלן אָט די פאָלגנדע המצאה:

מ׳וועט צונעמען צו זייער קלוב נאָך אַ גענגסטער ווי זייערס גלייכן, אַ געלערנטער מאַפיאָנער נאָך פונעם אַלטן חדר, וואָס וועט זיי דינען אַלץ דער נייער ״באָס״ פון דעם קלוב. ביים עולם גולם וועט זיך דער אויסקוק פון דער אַזויגערופענע ״אגודת הרבנים״ ענדערן, מיינענדיג, אַז עס זענען עפּעס צוגעקומען נייע פּערזענדליכקייטן צו די אָרגאַניזאַציע, און אַזוי אַרום וועט דער מאפיא ביזנעס האָפנטליך צוריק אויפבליען, דאָס געלט וועט צוריק אָנהויבן אַריינפליסן, מ׳וועט קענען ווייטער לעבן און לאַכן און וואָס נאָך מער דאַרפן דען אַ באַנדע רויבער האָבן?

## איזרעיל בעלסקי איז מחליט אַז ער איז געוואָרן אַ "דיין" ה"י

בקיצור, ס'איז זיי געלונגען! און אַזוי איז טאַקע געשען! מ'האָט געטראָפן אַזאַ פּאַרשוין מיט די אויבן דערמאַנטע "מעלות", נישט קיין צווייטע נאָר טאַקע דער באַרימטער גס רוח און געלערנטער גנב אַליין, "איזרעיל בעלסקי" פון ישיבה "תורה ודעת". מענטשן וואָס ווייסן נאָך נישט פון איזרעיל בעלסקי'ס "גוטע מעשים" וועלן אַוודאי זיך וואונדערן און זאָגן "וואָס? ראַביי בעלסקי? מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט אַז ער איז שוין אויך אין די ליין, מיר האָבן געמיינט אַז ער זאָגט בלויז אַ שיעור פאַר אמעריקאנער בחורים אין ישיבה תורה ודעת און זהו?". יאָ, טייערע און חשוב'ע ליינער, מיר האָבן אויך אַזוי געמיינט און ביז מיר האָבן אַליין נישט נאָכגעפאָרשט דעם פּאַרשוין בשבע חקירות ודרישות האָבן מיר זיך אַליין נישט געוואָלט גלייבן דאָס וואָס מיר האָבן זיך ליידער שפּעטער אַליין איבערגעצייגט.

## אויב איר ווילט ראַטעווען אייער לעבן טרעט נישט איבער די שוועל פון דעם זקן ממרא בעלסקי!

אַלזאָ, חשוב'ע ליינער, טאָמער איר טראַכט אַז מיר האָבן זיך פשוט אויסגעטראַכט אַ בייזוויליגע בלבול אויף "בעלסקי" וכת דיליה —דאַן זאָלט איר ווייטער נישט ליינען, אָבער! איין זאַך זענען מיר אייך יאָ מייעץ מטעם "לפני עור לא תתן מכשול", אַז טאָמער דאַרפט איר אַמאָל אָנקומען צו אַ דין תורה וכדומה,

זאָלט איר חלילה נישט איבערטרעטן די שוועל פון דעם זקן ממרא בעלסקי, ובכן וועט איר אייך איינשפּאָרן אומזינסטיגע עגמת נפש, וזה יהי׳ שכרינו.

## יעצט חשוב׳ע ליינער, ליינט ווייטער.

געווען איז דאָס בערך שנת תשנ״ב, עס האָט זיך געהאַנדלט איבער אַ דין תורה וואָס ס׳איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו באַשרייבן בנוגע וועלכע ענין, אָבער ווי איר וועט ווייטער ליינען וועט איר פאַרשטיין אַז עס האָט זיך געהאנדלט אין אַן ענין וואָס רירט אָן אין יסודות הדת.

ווי אזוי איזרעיל בעלסקי פאַרנאַרט די רבנים און ראשי ישיבות צו באַקומען זייערע חתימות אויף זיינע פאַלטשע בלאָפערייען.

## מעשה שהיה כך היה:

איזרעיל בעלסקי אויף אַ געוויסע דין תורה[???] איז ער געווען דער בורר מצד אחד. דער בורר מצד השני און דער שליש המכריע (וואָס דאָס טייטשט רוב בי״ד) האָבן ביי יענעם דין תורה נישט גע׳פסק׳נט ווי בעלסקי האָט געוואָלט. בעלסקי האָט דעריבער אָנגעהויבן צו פאַרפירן און קאָמאַנדעווען, וואָס הייסט, היתכן די אַנדערע צוויי דיינים רעכענען זיך נישט מיט זיין ״גרויסן חוות דעת״? איז ער געגאַנגן צו אַ געוויסע ליטווישע ראש ישיבה, וואָס אַ חוץ וואָס יענער ראש ישיבה האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געטוען אין דיינות איז ער שוין דאַן געווען האַלב עבר בטל, און אַזוי אַרום אַרויס גענאַרט פון

יענעם ראש ישיבה אַ חתימה אויף אַ כתב וואָס דער זייפן בעלסקי האָט פון פריער געהאַט פאַר אים צוגעגרייט.

אָנגעבליך האָט דאָס כתב מזויף געדאַרפט באַשטעטיגן אַז ער בעלסקי גנב איז געווען נאָר אַ קעגן רוב בי״ד (אַן עם הארצות שאין דוגמתו). מיט דעם צעטל איז דער בעלסקי ווייטער געגאַנגען און האָט צובאַקומען נאָך צוויי חתימות פון צוויי ליטווישע ראשי ישיבות, און פאַרשטייט זיך אַז די אַנדערע צוויי ראשי ישיבות האָבן מקבל געווען פאַר אמת ויציב אַלעס וואָס דער בעלסקי שקרן האָט זיי אַריינגעבאָמבעלט אין קאָפּ, ווייל אויף דעם איז דאָך דער צבוע׳ניק בעלסקי גאָר אַ גרויסער מומחה אָנצושטעלן אַזאַ תמימות׳דיג פנים, אַזוי אַז מענטשן קענען מיינען אַז ער ווייס ניטאָמאָל וויאַזוי צו זאָגן ליגנט.

## הרב הגאון ר׳ אלי׳ שווי טרעט אַרויס קעגען בעלסקי׳ן

על כל פנים, צום סוף איז דער ענין אָנגעקומען פאַר הרב הגאון ר׳ אלי׳ שווי שליט״א דער ראש הישיבה פון פילאַדעלפיע. ר׳ אלי׳ שווי שליט״א זייענדיג שוין יאָרן לאַנג אין די מועצת גדולי התורה האָט שוין אין די לעצטע יאָרן געהאַט אַסאַך פראַקטיק מיט אַזעלכע פאַרשוינען וואָס זוכן עוקר צו זיין דאָס ביסל אידישקייט וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין אַמעריקא. הרב שווי שליט״א איז געווען טאַקע דער וואָס האָט אין יאָר תשנ״ח נישט אָפּשרעקנדיג זיך פאַר קיינעם, זיך אויפגעשטעלט ביי די ״אגודה קאָנווענשען״ און אַרויסגעטרעטן שאַרף אַקעגן דעם באַוואוסטן עוכר און משומד ״ראַביי נאָרמאַן

לאַם״ פון ישיבה ״ווי יו״, ווי עס איז געווען לענגער באַריכטעט אין דעם דעמאָלטס׳דיגן ״דער איד״.

בקיצור, ווען הרב שווי שליט״א האָט געזען וואָס בעלסקי האָט דאָ געטוען, איז ער דערשיטערט געוואָרן, נישט גלייבנדיג אַז אַזאַ איינער וואָס רופט זיך אַ ״איד״, זאָל אויף אַזוי ווייט זיין אַ קל שבקלים און נישט מורא האָבן אויף מחלל צו זיין שם שמים ברבים אַלץ צוליב זיין פאַרשטונקענע גאוה און אהבת בצע.

## דער ראש ישיבה גיט אַרויס אַ פּסק אַז איזרעיל בעלסקי איז אַ כופר בעיקר

נאָך ווי דער ראש הישיבה האָט מעיין געווען בכובד ראש אין דעם ענין, האָט ער אויך דאָס מאָל נישט אָפּשרעקנדיג זיך פאַר קיינעם מחליט געווען און ערקלערט ווי פאלגנד: "עס איז ליידער קלאָר ביי מיר אַז דער "איזרעיל בעלסקי" איז אַ ריכטיגער "כופר בעיקר"! און כדי מען זאָל נישט מיינען אַז איך בין עפּעס מגזם און איך זאָג דאָס לייכטזיניג, אשר על כן, בין איך שוין מודיע ברבים, אַז אַזוי לאַנג ווי איך לעב און ווי לאַנג איך בין אַ חבר אין די מועצת גדולי התורה, טאָר דער "בעלסקי" נישט אויפטרעטן צו קיין שום דרשות אויף די יערליכע אגודה קאָנווענשענס! טאָמער ווייטער וועלן די "פּאָליטישענס" אין די אגודה יאָ מכבד זיין דעם "כופר בעלסקי" צו רעדן, דאַן טרעט איך שוין אַרויס פון די אגודה".

## דער פסק ווערט אָנגענומען, בעלסקי טאָר נישט אויפטרעטן אויף די אגודה קאָנווענשענס

דער וועד פון אגודת ישראל האָבן גאָר ערענסט אויפגענומען די רייד פון דעם חשוב'ן ראש ישיבה, און טאַקע עד היום אין שנת תש"ס לאָזט מען דעם "גנב בעלסקי" נישט אויפטרעטן אויף קיין שום אגודה קאָנווענשען.

## צו אַ כופר צו אַ משוגע׳נער וואס איז דער צד השוה?

אָבער הרה״ג ר׳ סענדר גראָס שליט״א פון ביד״ץ מכון הוראה ד׳מאָנסי טענה׳ט גאָר עפּעס אַנדערש. הרב גראָס שליט״א זאָגט ״באמת ווייס איך נישט צו דאָס האָט בכלל צו טוען מיט כפירה, איך האַלט אַז דער בעלסקי איז אַ פּשוט׳ער משוגע׳נער פון דער גאַס, נאָר וואָס דען, צו אַזוי צו אַזוי — צו אַ כופר צו אַ משוגע׳נער — איז דער צד השוה שבהן אַז קיין דיין טאָר דער מענטש נישט זיין״.

## ווי אַזוי איז מען געקומען צו די החלטה אַז איזרעיל בעלסקי׳ן דאַרף מען טראָגן אין משוגעים הויז?

ווען מען האָט געפרעגט הרב סענדר גראָס וואָס מיינט איר צו זאָגן ווען איר באַטיטלט אים אַלץ ״אַ משוגע׳נער?״ דערציילט אונז הרב גראָס שליט״א ווי פאָלגענד: ״איך בין שוין עד היום ב״ה געזעצן אויף הונדערטער דין תורות, געווען איז עס אָבער יענער מזל׳דיגע מאָל (און דער לעצטער מאָל) וואָס איך בין אויף אַ געוויסע דין תורה געווען דער בורר מצד אחד און בעלסקי דער בורר מצד השני, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַזוי ווי איך האָב נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט פון מויל עפּעס וואָס אים - דער בעלסקי — איז נישט געפעלן האָט ער אָנגעפאַנגען צו שוימען ווי אַ קעסל און ברענען ווי אַ גליעדיג שפּיז, ער האָט פּלוצלינג געכאַפּט אַן אייזערנעם דעקל פון אַ פלאַש וואָס האָט זיך פונקט דאַן געפונען אין דעם צימער (צו אפשר האָט ער עס גאָר אַליין שוין פון פריער געהאַט

צוגעגרייט) און מיר געוואָרפן אין קאָפּ אַריין! איך האָב זיך שנעל געמוזט אויפהייבן און מאַכן פליטה איידער... איך האָב געזאָגט פאַר'ן אַנדערן דיין אַז מ'דאַרף אים בינדן הענט און פוס און אים שוין פאַרשיקן אין משוגעים הויז אַריין. נו, איר פרעגט מיך נאָך וואָס דאָס הייסט אַ משוגע'נער?".

## הערט און שטוינט וואָס דער משוגע׳נער בעלסקי קען אַלץ טוען

חשוב׳ע ליינער, דער אויבן דערמאנטע מעשה זאָל אַייך בכלל נישט זיין קיין חידוש, ווייל עטוואָס נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געהערט אן ענליכע געשיכטע מפי עדים נאמנים (גראַדע צוויי תלמידים פון דער ישיבה תורה ודעת) וואָס זענען דערביי געשטאַנען און אַליין בייגעוואוינט, און אָט ווי פאָלגנד דערציילן זיי:

דער בעלסקי דאַוונט אין תורה ודעת. איינמאָל אין אַ געוויסע פרייטאָג צו נאַכטס פרשת צו תשנ״ז, האָבן אַ פּאָר אידן באַמערקט ווי ביים גאַנץ דאַווענען זיצט דער בעלסקי און ברענט פאַר כעס און קוים וואָס ער זאָגט אַרויס אַ אידיש וואָרט פון מויל. ״נו וואָס קען מען טוען?״ טראַכטן זיך די דאָזיגע אידן. ״ביז נאָכ׳ן דאַווענען וועט זיך אים געוויס דאָס כעס אָפּשטעלן״, זאָגט שטילערהייט איינער פאַר׳ן צווייטן. אָבער אויף דאָס פאלגנדע האָט זיך קיינער נישט געראָכטן!

## קראטי טשאפּס לכבוד שבת קודש — איז ביי בעלסקי אַן עונג שבת

און וואָס מיינט איר האָט פּאַסירט? גלייך נאָך עלינו בשעת דער גאַנצער עולם ווינטשט איינער פאַר׳ן צווייטן ״אַ גוט שבת״, דרייט זיך דער בעלסקי אויף איין מאָל אויס מיט אַ כעס, און אַזוי ברענענדיגערהייט, לויפט ער צו צו איינעם און דערלאַנגט יענעם אַ פּאָר ״קראטי טשאפּס״! יאָ! אין מיטן

סאַמע בית המדרש, מקום מקדש מעט, אינעם סאַמע שבת קודש – (ביי בעלסקי הייסט דאָס מן הסתם "לכבוד שבת קודש") – לאָזט ער אויס זיין כעס און דערלאַנגט יענעם "קראטי טשאפס" פונקט ווי אַ גוי!

## בעלסקי דערלאַנגט אַ מתנת יד פאַר אַ דיין וואָס האָט אַנדערש געזאָגט ווי אים

אַזוי ווי עס איז יענער שבת געווען האַרט נאָך פורים, האָבן אַ טייל צוקוקערס בלית ברירה מחליט געווען אַז אפשר איז ער גאָר נאָך אָנגעטרונקן פון פורים. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַז יענעם וואָס דער צעדרייטער בעלסקי האָט דערלאַנגט די "קראטי טשאפס" איז גאָר געווען אַ דיין וואָס זיצט אָפט ביי דין תורות. זעט זיך אויס אַז אַזוי ווי יענער דיין (אַזוי ווי אַלע אַנדערע) איז נישט געווען איינשטימיג מיט בעלסקי׳ס קרומע סברות אויף אַ געוויסע (אָדער גאָר עטליכע) דין תורה, און דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט און צערודערט, האָט ער ממילא פשוט איינפאַכיג יענעם דיין דערלאַנגט אַ מתנת יד, כדי אַזוי זיך באַרואיגן און אָפּשטעלן זיין כעס. (נוסח בעלסקי).

## דער שור שנגח

ווען די אַרומיגע האָבן פאַרוואונדערט געפרעגט יענעם דיין איבער די מאָדנע פאַסירונג וואָס זיי האָבן אָט אַליין צוגעזען, האָט יענער דיין מיט אַ שמייכל געזאָגט, "איך פאַרשטיי אַז ער האָט מיך אַוודאי דערלאַנגט די "קראַטי טשאַפּס" איבער אַ דין

תורה, אָבער ווען ער זאָגט מיר כאָטשיג אויף "וועלכע" דין תורה, וואָלט איך כאָטש געוואוסט אויף וואָס אַרויף די קראַטי טשאַפּס זענען געוועזן".

דער דיין ווייס נאָך עד היום נישט אויף וועלכן דין תורה בעלסקי האָט אים דערלאַנגט די "קראטי טשאפּס"! (דער שור שנגח דאַרף נאָך איינעם דערלאַנגען און דאַן איז ער אַ פערטיגער שור המועד). וויאַזוי ס'זאָל נאָר זיין, שטימען טאַקע די אַלע מעשות, ואחד יעיד על השני.

## די גאוה שטינקט פון אים

אַז מ'רעדט שוין יאָ דערוועגן ווי אַזוי דער בעלסקי רעכט אָפּ זיינע שבתים אין ישיבה תורה ודעת, איז כדאי צו דערציילן וואָס מיר האָבן שוין געהערט פון מערערע מתפללים וואָס דאַוונען דאָרט: "פרייטאָג צו נאַכטס נאָכן דאַוונען", זאָגן זיי, "איז עס שוין יאָרן לאַנג איינגעפירט ביים גאַנצן עולם צוצוגיין צום "ראש הישיבה", הרב פּאַם שליט"א און אים ווינטשן "אַ גוט שבת", אַזוי ווי עס פּאַסט זיך טאַקע פאַר אַ ראש ישיבה", און ווי עס איז באמת טאַקע איבעראַל אַזוי איינגעפירט.

דערציילן זיי ווייטער, אַז "דער פאַרשטונקענער בעל גאוה בעלסקי איז נאָך אין זיין לעבן נישט צוגעגאַנגען צום "ראש הישיבה" זאָגן "אַ גוט שבת", פּשוט ווייל עס פּאַסט אים נישט! ער רעדט זיך איין אַז דער עולם באַמערקט דאָס נישט, דער עולם אָבער, זעט און ווייסט שוין גאַנץ גוט דערפון, - און דער עולם איז שוין פּשוט פאַר'מיאוס'ט פון זיין גאוה", ענדיגן זיי צו. יאָ! "**דאָס איז דער מהות פון דעם גאַנצן בעלסקי**".

## בעלסקי שרייט קולות אויפ׳ן דעברעצינער רב זצ״ל

עס האָט אונז אויך דערציילט אַ חשוב׳ער מגיד שיעור פון ישיבת חתן סופר וואָס ער איז אַליין דערביי געשטאַנען, ווען דער דעברעצינער רב זצ״ל האָט אַמאָל אָנגערופען דעם בעלסקי אויפ׳ן טעלעפאן און אים פאָרגעהאַלטן, אַז היתכן ער האָט געגעבן רשות פאַר אַ געוויסן פאַרשוין צו גיין לערכאות של עכו״ם, בזמן ווען דער צד השני איז גרייט בכל עת ועונה דן צו זיין בפני בי״ד של ישראל? נישט וויסנדיג ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן האט ער זיך פאַרלוירען, ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען, און האָט אַזעלכע געוואַלדן געמאַכט אַז די אַלע אָנוועזענדע ביים רב אין שטוב האָבן געקענט הערן דורכ׳ן טעלעפאן דעם משוגע׳נעם מיט זיינע קולות (דאָס איז דאָך זיין דרך, אָדער שרייען, אָדער יענעם דערלאַנגען) און צום סוף האָט דער עז פנים לגיהנם נאָך אַראָפּגעהאַקט אויפ׳ן רב ז״ל דעם טעלעפאן.

## דער דעברעצינער רב קרעכצט און רעדט זיך אָפּ פון האַרץ און זאָגט אַז בעלסקי האָט נישט קיין חלק לעולם הבא

דערציילט אונז דער מגי״ש ווייטער: אַז די אַרומיגע אידן האָבן באַוואונדערט דאָס איידלקייט און גדלות פון דעם גרויסן גאון וצדיק ז״ל ווי אַזוי ער האט גאָרנישט צוריק געענטפערט דעם שוטה רשע וגס רוח. צום סוף האָט דער דעברעצינער רב זצ״ל אַ קרעכץ געגעבן און געזאָגט ״ליידער האָט ער [בעלסקי] נישט קיין חלק לעולם הבא... וויי וויי פאַר אים... וויאַזוי האָט דער מענטש נישט קיין מורא אַזוי מיאוס אָפּצושפּעטן פון

אונזער הייליגען שולחן ערוך". יאָ ליידער! דאָס וואָס די הייליגע פוסקים שרייבן וועגן איסור הליכה לערכאות של עכו"ם אַז "**הרי זה רשע וכאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה רבינו ע"ה**", דאָס פאַרנעמט נישט קיין אָרט ביי דעם גס רוח בעלסקי.

## וואָס האָט בעלסקי געטוען ביי אַ דין תורה?

אַזוי ווי מיר האָבן מסיים געווען מיט די אויבן דערמאַנטע מעשה איז טאַקע דאָ אין פלאַץ צו באַשרייבן אַן ענליכע מעשה וואָס האָט טאַקע אויך פאַסירט מיט דעם בעלסקי. איר וועט שטוינען און נישט גלייבן וואָס פאַר אַ קל שבקלים דער נידערטרעכטיגער בעלסקי איז.

פאַסירט האָט דאָס אין חדש חשון שנת תשמ"ז ווען עס איז פאָרגעקומען אַן "אבן העזר דין תורה" ביי הרב הגאון הצדיק ר' יחזקאל ראָטה שליט"א. דער דאָזיגער דין תורה איז געווען אַ גאָר שווערע דין תורה און קאָמפּליצירט. הרה"ג ר' יחזקאל ראָטה שליט"א האָט געהאַלטן אַז מ'מוז על פי תורה זען בכל אופן שהוא, צו מאַכן שלום צווישען דאָס פּאָרפאָלק, בפרט ווען עס האָט זיך געהאנדלט פון אַ שטוב מיט קינדער. דער רב איז געווען איבערצייגט, אַז די אָנהעצערס פון די פרוי זענען די וואָס אַרבעטן אָן די שנאה און מחלוקת צווישען פּאָרפאָלק און ממילא איז מען מחויב צו באַזייטיגן די אַרומיגע אינשי דלא מעלי און זען צו ראַטעווען די שטוב.

## בעלסקי קומט עצות זאָגן

אין איין שיינעם טאָג ווען עס איז פאָרגעקומען איינע פון די ישיבות בית דין בנוגע די דערמאנטע דין תורה שפּאַצירט זיך אַריין אינמיטן דער דין תורה נישט קיין אַנדערער נאָר טאַקע דער ״בעלסקי״ אַליין. הרה״ג ר׳ יחזקאל ראטה שליט״א קוקט אַרויף אויף דעם הויכען רויטן בעלסקי און רופט אויס **״שלום עליכם ראביי בעלסקי, נאָך וואָס אייגנטליך זענט איר אַהער געקומען?״ ״יעו! איך ...איך ...איך בין געקומען עדות זאָגן!״ ענטפערט בעלסקי. ״לטובת וועמען זענט איר געקומען עדות זאָגן?״ פרעגט אים דער רב ווייטער. ״לטובת די ...די פרויי״, ענטפערט ער.**

## בעלסקי איז פסול לעדות?

דער מאַן הערנדיג וואָס דאָ גייט פאָר, האָט ער זיך באַלד אָקעגן געשטעלט בעלסקי׳ס פאַרלאַנג, טענה׳נדיג, אַז ער איז פסול לעדות על כל פנים בנוגע דעם ענין. בעלסקי ווייטער הערנדיג אויף ״זיך״ אַזעלכע ווערטער אַז ער איז פסול לעדות איז געוואָרן מלא חמה (כדרכו) און האָט אָנגעהויבן שרייען אויף דעם יונגערמאַן מיט כל ערליי זידלערייען. הרה״ג ר׳ יחזקאל ראָטה שליט״א האָט זאָפאָרט אינטערווינט און מסביר געווען פאַר די אַרומיגע, אַז אַזוי ווי מען האַלט דאָך יעצט אינמיטן אַ דין תורה האָט דאָך דער מאַן על פי תורה דעם פולען רעכט פאָרצולייגען זיינע טענות אויב ער פילט בלויז אַז ער האָט עפּעס אַ טענה. אויב זאָל מען סותם זיין דעם בעל דין׳ס טענות און אפילו נישט אויסהערען וואָס ער האָט צו זאָגן

ווי עס שטייט ״שמוע בין אחיכם״, איז דאָך נישט פאַרהאַן קיין גרעסערע עיוות הדין ווי דעם. ואשר על כן ״אויב איר ווילט ראַביי בעלסקי״ פירט אויס הרה״ג ר׳ יחזקאל ראָטה שליט״א ״וועט דער בית דין תיכף אויפנעמען פראָטאָקאָל פוןביידע צדדים בנוגע דעם ענין פון ״פסול עדות״ און דער בית דין וועט מחליט זיין, אם יש דברים בגו דעם יונגערמאַנ׳ס טענה. בעלסקי דער גס רוח איז געוואָרן אינגאַנצן צומישט פון אַזאַ מין פאָרשלאַג, אָבער אַזוי ווי דער בעל גאוה האָט דאָך שוין אַדערש נישט געפאַסט, האָט ער בלית ברירה איינגעשטימט דערויף.

## הגה״צ רבי יחזקאל ראָטה פסק׳נט אַז בעלסקי איז טאַקע פסול לעדות!

דער דיון האָט זיך באַלד אָנגעהויבען, ביידע צדדים (בעלסקי און דער מאַן) האָבן פאָרגעלייגט וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאָגן. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דער בעלסקי טאַקע האָט געהאַט פיל נגיעות לגבי די פרוי, ער האָט געהאַלטן אין איין העצן די פרוי אַנטקעגן איר מאַן, בנוסף צו דעם האָט דער צד האשה אים שוין מערערע מאָל מכבד געווען מיט אַ שיינע מטבע. פאַרשטייט זיך, אַז דער רב האָט שוין געזען מיט וועמען מ׳האַנדלט דאָ, ער האָט אָבער זיך נישט דערשראָקען און האָט זיך אויסגעדרייט צו בעלסקי׳ן און אים ערקלערט אַז על פי תורה קען ער בשום אין אופן נישט אויפטרעטן מיט אַן הגדת עדות אין דעם ענין.

דער רב וועלכער האָט שוין געקענט דעם כאַראַקטער פון דעם בעלסקי אַלץ אַ נוקם ונוטר, האָט מיני׳ וביי׳ געוואָלט פּראָבירן אַביסל אָפּקילן דעם בעלסקי, האָט ער אים געזאָגט ווי פאלגנד: ״אויב איר ווילט, און אויב דער מאַן איז אויך מסכים דערצו, דאַן איז דער בית דין מסכים צו הערן וואָס איר האָט צו זאָגן, אָבער נאָר ״בתורת חוות דעת״ און נישט ״בתורת עדות״. בעלסקי דערזעענדיג שוין כי כלתה אליו הרעה האָט מחליט געווען בלית ברירה אָנצונעמען דעם ״כיבוד״ ווי איידער ער זאָל שוין תיכף מוזן אויפהייבן זיך און פאַרלאָזן דאָס בית דין שטיבל מיט נאָך גרעסערע חרפות און בושות ווי ער האָט שוין ביז דאַן ממילא געהאַט.

מאידך גיסא האָט מען אָבער געוואָרט אויפ׳ן מאַן אַז ער זאָל אויך צושטימען מיט׳ן רב׳ס פּאָרשלאַג. הרב זלמן גראוז וועלכער האָט דאַן רעפּרעזענטירט דעם מאַן אויף יענעם דין תורה האָט שנעל געגעבן אַ ווינק פאַר דעם מאַן אַז ער זאָל מסכים זיין צום רב׳ס פּאָרשלאַג, פאַרשטייענדיג אַז לצורך הענין און לויט דעם איצטיגן אָנגעצויגענעם מצב איז דאָס דער בעסטער וועג צו האַנדלען. און כדי דער מאַן זאָל נישט פאַרצווייפעלט ווערן האָט ר׳ זלמן שטילערהייט אַריינגערוימט דעם מאַן אין אויער ״זיי נישט קיין נאַר, לאָז דעם צעדרייטען אָפּ פרעדיגן וואָס ער וויל, און ווער פון אים פטור שיינערהייט!״.

## בעלסקי איז נישט מסכים מען זאָל מאַכן שלום בית!

דער יונגערמאַן האָט טאַקע איינגעשטימט און בעלסקי הייבט אָן צו רעדן. אַלזאָ, וואָס מיינט איר איז דער "חוות דעת הגדולה" פון דעם גס רוח בעלסקי געווען? פאַרשטייט זיך אַז "מ'קען דאָ נישט מאַכן קיין שלום בית" (אפשר קען אונז בעלסקי דערציילן ווי ער האָט שוין יאָ אַמאָל עוסק געווען אין שלום בית?).

הרה"ג ר' יחזקאל ראָטה שליט"א שלאָגט אָבער צוריק אָפּ בעלסקי מיט אַ שאלה און פרעגט אים: "לויט ווי מיר פאַרשטייען זאָגט איר דאָך אונז אייער "חוות דעת", אויב אַזוי קענט איר אפשר זאָגן פאַר'ן בית דין פון ווי האָט איר אייך אויסגעלערנט אייער "עקספערטיז" – וואָס מיט דעם וואָלט איר געוואָלט איבערציייגן דעם בית דין אַז מ'זאָל זיך רעכענען מיט אייער "חוות דעת"?

## בעלסקי גייט אַרויס פון די כלים!

דאָ איז שוין בעלסקי אַרויס פון די כלים, ער האָט אָנגעהויבען צו ברענען פאַר כעס און נישט געוואוסט ווי זיך אַהערצוקערן. אַזוי ברענענדיג ווי אַ קעסל האָבן זיך די אַרומיגע געביסן די ליפּן פאַר געלעכטער. בעלסקי דערזעענדיג דאָס, איז פאַרשטייט זיך נאָכמער אויפגעברויזט געוואָרן, אַזוי אַז מ'האָט געקענט זען ווי דער רויך גייט אים אַרויס פון די נאָז לעכער. "וואָס הייסט" רופט זיך אָן בעלסקי מיט איין אָטעם

"איך האָב גערעט מיט די פרוי און זי האָט מיר דערציילט אַז... ממש.. אַז...".

הרב זלמן גראוז האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאלטן. ער האַקט איבער בעלסקי'ן און זאָגט אים, "אַז קיין הלכה קענסטו נישט - צו דו ווילסט נישט קענען — דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג אָבער זייט ווען ביסטו געוואָרען אַ סייקייעטריסט"? נו נו! נאָר דאָס האָט אויסגעפעלט!

## ופני בעלסקי [המן] חפו!

פאַר הרה"ג ר' יחזקאל ראטה שליט"א האָט שוין בעלסקי'ן נישט געפאַסט צו דערלאַנגען אַ "קראטי טשאפ" אָדער וואַרפן אַ "פלאַש" אין קאָפּ אַריין! פאַר הרב זלמן גראוז ווייטער וואָלט ער נישט דערוואַגט דאָס צו טוען ווייל ר' זלמן וואָלט אים צוריק דערלאַנגט כפל! בעלסקי האָט זיך דעריבער אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם רב'ס בית דין שטיבל אַ צערודערטער און גערעגטער ופני המן חפו! דאַן האָט שוין אָבער יעדער געוואוסט אַז דאָ וועט זיך עס נישט ענדיגן, און אַזוי איז טאַקע געוועזן!

בעלסקי אַן אייגעזאַפּטע פון נקימה ונטירה ווי שוין אויבן דערמאנט האט די קומענדיגע פאָר נעכט נישט געקענט צומאכן קיין אויג. ער קען נישט אפשטילן זיין כעס ווי לאנג ער וועט נישט "נקמה" נעמען אינעם בית דין. ס'טייטשט מ'האָט אים געפסל'ט אַלץ עדות און זיך נישט גערעכנט מיט "זיין חוות דעת" און איז אַזוי מיאוס מבוזה געוואָרן.

## בעלסקי שרייט פאַלג נישט קיין בית דין — גיי אין קאָרט, נאָר ערכאות של עכו״ם וועט דיר העלפן

בעלסקי דער שלאַנג איז אָבער איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער רופט אָן די פרוי און זאָגט איר אַז כאָטש ביידע צדדים האבן גע׳חתמ׳ט שטרי ברורין ביים בית דין און כאָטש עס האַלט שוין טיף אינמיטן דער דין תורה, אַף על פי כן איז ער איר מייעץ (ער האט דאָך ״אַ חוות דעת״) אַז זי זאָל זיך נישט רעכענען - נישט מיט קיין בית דין און נישט מיט קיין דין תורה׳ס – נאָר זאָל גלייך גיין אין ״קאָרט״ אַריין ״לערכאות של עכו״ם״ און ״דאָרט״ וועט זי באַקומען ״גערעכטיגקייט!״ שומו שמים! וואָס דער מנובל בעלסקי איז! ער זאָגט פאַר׳ן פרוי ״נישט ביים אידישען רב וועסטו באַקומען יושר - ווייל דער רב איז דאָך באַגאַנגען אַ חטא און פראָבירט צו מאַכן שלום בית נאָר ביים גוי! דארט וועסטו באקומען יושר״, עפרא לפומי׳!

## בעלסקי מסור גיט אַ כתב מען זאָל גיין בערכאות

די פרוי אָבער האָט זיך געקווענקלט איבער בעלסקי׳ס עצה פאַרשטייענדיג אַז אויב וועט זי נעמען אַזאַ געוואַגטע שריט דאַן האָט זי פאַרלוירן אַלע אירע זכותים ביי דין תורה. די פרוי האָט אויך ביי זיך געקלערט אַז באמת איז עס דאָך בכלל נישט ריכטיג אָפּצושפּעטן פונעם בית דין און זיין ״אַ לא צייתא דינא״. בעלסקי זעענדיג אַז זיין עצת אחיתופל איז אומאננעמבאר פאַר די פרוי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן. אים האָט עס נישט אינטערסירט די פאַקט אַז מיט זיין שיקן די פרוי לערכאות וועט זיך די פרשה קיינמאָל נישט ענדיגן און ממילא

טוט ער פשוט "מְעַגן זיין אַ בת ישראל"! זיין ציל איז דאָך בלויז זיכער צו מאַכן אַז ער האָט "אָפגעטוען" דעם בית דין! ואשר על כן איז דער מומר להכעיס געגאַנגען און האָט בשאט נפש אָן קיין שום בושה פאַר זיך אַליין, געגעבן פאַר די פרוי אַ "כתב" וואָס אָנגעבליך האָט דאָס געדאַרפט צו זיין אַ "היתר" אויף צו גיין לערכאות של עכו"ם, אַזוי אַרום וועט די פרוי אויפ'ן געוויסן זיין צופרידן, האַלב וועגס איינרעדנדיג זיך אַז דער איסור פון גיין לערכאות איז נישט אַזוי געפעהרליך ווייל "איך האָב דאָך ביי מיר אַ "היתר בכתב" פון אַ "ראַביי".

ווען די פרוי האָט אָבער שוין ליידער מסכים געווען אויסצופאָלגן בעלסקי'ס רשעות'דיגע פלאַן האָט בעלסקי - נישט וועלנדיג מ'זאָל זיך דערוויסן אַז ער שטייט אונטער די שגץ שטיק — אָנגעזאָגט פאַר די פרוי אַז היות אַ חוץ פון איר איז דאָך דער כתב קיינעם נישט נוגע, על כן בעט ער איר נישט קיינעם ארויסצוגעבן אַ קאָפּי פון דעם כתב. ס'איז אָבער בעלסקי'ן נישט געלונגן! ווי איר וועט ווייטער ליינען.

## די שאנד פון דעם מתיר איסורים ווערט אנטפלעקט!

די פרוי האָט לאַנג נישט געוואַרט און איז טאַקע געגאַנגען לערכאות. ויהי היום, מ'שטעלט זיך פאַר'ן ריכטער; דעם יונגערמאַנ'ס אַדוואָקאַט הייבט אָן צו טענה'ן פאַר'ן ריכטער אַז היות דאָס פּאָרפאָלק האָט גע'חתמ'ט שטרי ברורין אין אַ בית דין און עס האַלט נאָך אין מיט'ן דער דין תורה זאָל דער ריכטער ביטע צוריקשיקן דעם "קעיס" צום בית דין.

דער אַדוואָקאַט פון די פרוי טענה׳ט אָבער צוריק אַז אין הכי נמי עס האַלט אינמיטן אַ דין תורה אָבער די ״ראַביי סעד ווי שאַד גאָ טו קאָרט״ (דער ראַביי האָט געהייסן גיין אין קאָרט). דער יונגערמאַן האָט נאָך דאַן נישט געכאַפּט פון וואָס זיי רעדן, האָט ער זיך גלייך אָנגערופן ״ס׳איז אַ ליגנט! ראַביי ראָטה איז די ראַביי און דאָס געריכט קען אים אַפילו אָנפרעגן אויב איז דאָס די וואונטש פונעם געריכט!״ די פרוי׳ס אַדוואָקאַט האָט אָבער געענטפערט אַז ס׳איז אַן ״אַנדערע״ ראַביי און נישט ראַביי ראָטה וואָס האָט איר געהייסן גיין אין געריכט, דערביי אַרויסנעמענדיג אַ דאָקומענט פון זיין ״פייל״, צוגייענדיג צום ריכטער בלויז ״אים״ צו ווייזן דעם בריוו פון דעם ״אַנדערן״ ראַביי און עס באַלד צוריקגענומען. אַזוי האָט ער אויפגעטועט צוויי זאַכן אויף איין מאָל, סיי דער ריכטער האָט געזען דעם בריוו פונעם ״ראַביי״ וואָס האָט געהייסן גיין אין קאָרט, ממילא איז ער געווען איבערגעצייגט אַז דעם פרוי׳ס אַדוואָקאַט זאָגט נישט קיין ליגנט, און סיי אַז דער מאַן וועט דעם דאָקומענט נישט זען און ממילא וועט ער נישט וויסן ווער דער ״מתיר איסורים״ איז געווען.

## דער ריכטער הייסט געבן דעם קאפי פון דעם מתיר איסורים!

דעם מאַנ׳ס אַדוואָקאַט האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און אויפ׳ן פלאַץ האָט ער גע׳טענה׳ט פאַר׳ן געריכט אַז ״אויב איינער פון די צדדים פרעזענטירן אַ דאָקומענט וכדומה פאַר׳ן געריכט איז געזעצליך דער אַנדערע צד באַרעכטיגט צו באַקומען אַ קאָפּי פון דעם דאָקומענט, און אַזוי ווי דאָ האָט דער

צווייטער אַדוואָקאַט שוין געהאַט געוויזן פאַר'ן ריכטער דעם דערמאַנטן דאָקומענט דעריבער פאַרלאַנג איך געזעצליך צו באַקומען אַ קאָפּי פון דעם דאָקומענט."

דער ריכטער כאָטש ער האָט טאַקע נישט צוריקגעשיקט דעם "קעיס" צום בית דין - ווייל ווי עס איז באקאנט טוט זיך דער געריכט נישט רעכענען מיט אַ אידישן שטרי ברורין אויף אַלע היניזיכטן צ.ב.ש. זכות הילדים "קאסטאדי" בלע"ז, ירושה דין תורות א.א.וו., האָט ער אָבער יאָ איינגעשטימט צו דעם פאַרלאַנג און געגעבן אַן "אָרדער" פאַר'ן צווייטן צד איבער צוגעבן אַ קאָפּי פון דעם דאָקומענט אויפ'ן ערשטען געלעגנהייט.

## מען כאפט בעלסקי'ן ביי דער גניבה

די פרוי'ס אַדוואָקאַט האָט נישט געוואָלט שלעכט אויסנעמען ביים ריכטער, האָט ער נאָך אינעם זעלבן טאָג איבערגעגעבן פאַר'ן אַנדערן צד אַ קאָפּי פון דעם בריוו. אַלזאָ, בעלסקי איז געבליבן אויסגעשפילט, מ'האָט אים געכאַפּט ביי די גניבה!

**יעצט צום בריוו**: דער כופר ראַביי בעלסקי שרייבט ווי פאלגנד אין זיין ענגלישען בריוו. מיר זעצן דאָס איבער אויף אידיש: "די פרוי האָט פּראָבירט צו ערלעדיגען אירע משפחה פּראָבלעמען אין אַ בית דין. צום היינטיגען טאָג האָט זי און איר מאַן יעדערער באַזונדער שוין באַצאָלט $4000 צוזאמען 8000 $" (איר פאַרשטייט? דער מנובל בעלסקי זאָרגט זיך נאָך אויך פאַר'ן מאַן אַז עס קאָסט אים נעבעך געלט).

**"און דערווייל איז נאך נישט געקומען קיין שום החלטה"** (בקיצור דער מנובל איז מודה אַז דער נידון שטייט נאָך כעת פאַר אַ בית דין וואָס איז דן איבער דעם ענין).

## דער רשעות'דיגער סיסטעם פון בעלסקי'ן צו חרוב מאכן אידישע שטיבער

נאָכדעם שרייבט דער מנובל ווייטער: "נאָכמער, **דער איצטיגער מצב טראָגט מיט זיך די מעגליכקייט פון אַ סכנה, ווייל די צדדים וואוינען אונטער איין דאַך מיט אַ טאָטאַלע שנאה און דאָס קען ווייטער נישט אַזוי אָנגיין, עס זעט נישט אויס עס זאָל זיין אַן אויסוועג איבערצופירען דער ענין צו אַ צווייטן בית דין.**" (איר הערט? עס זיצט אַ בית דין און איז דן איבער דעם ענין, בית דין זעט נישט איין, קיין ריכטיגע סיבה פאַרוואָס די פאָרפאָלק זאָל זיך בכלל שיידן און דערמיט צוברעכן די שטוב, און ווער שמוסט נאָך גיין צו דעם בית הטומאה לערכאות של עכו"ם וואָס איז פארבינדען מיט עבודה זרה ג"ע און שפיכות דמים. און ער ווייטער בעלסקי פינעם צווייטן זייט האַלט אין איין העצן די פרוי אַקעגן איר מאַן, און צום סוף, ווייל דער בית דין רעכנט זיך נישט מיט זיין דעת המסולף און בית דין פסל'ט אים פון אויפטרעטן אַלץ עדות, אַשר על כן האָט ער שוין מחליט געווען אַז ס'איז דאָ אַ "מעגליכקייט" פון אַ סכנה פאַר'ן מאַן און ווייב צו וואוינען אינאיינעם, און מ'דאַרף שוין אַריבערפירן דעם דין תורה צו אַ צווייטן בית דין, דאָרט ווי ער האָט האָפענונג אַז מ'וועט אים לאָזן עדות זאָגן כאָטש ער איז פסול לעדות.)

ואשר על כן פירט ער אויס, דער כופר בעיקר - (ווי הרה"ג רב שוויי שליט"א רופט אים) - ווי פאלגנד: **"לײדער האָט די פרוי... נישט קײן אַנדערע אויסוועג און מעג נוצען די סעקולער קאָרט סיסטעם, אויף דעם האָט זי דעם פולסטען היתר, און אַזאַ אַקציע מצדה איז מיט'ן פולן אײנקלאַנג פון דעם אידישן הלכה".** (זע קאפי פון דעם בריוו אויף זייט ?).

## בעלסקי ווען ער זעט אז ער פארלירט ביי דין תורה, אדער ער האט שוואכע אויסזיכטן צו געווינען,הייסט ער גיין דן זיין לפני ערכאות של עכו"ם!

בקיצור, דער ערשטער כלל פון "בעלסקי" איז אַזוי: אַז יעדעס מאָל ווען עס מאַכט זיך אַ קאָמפּלעצירטער דין תורה וואָס ציט זיך אַביסל לענגער ווי געראָכטן וואָס ממילא איז דאָ מער הוצאות בית דין, מעג מען שוין דעריבער גיין דן זיין לפני ערכאות של עכו"ם! (זעט זיך אויס אַז ווען בעלסקי גייט אין קאָרט קאָסטן אים נישט די אַדוואָקאַטן קײן געלט).

דער צווייטער כלל פון בעלסקי איז, והוא העיקר, אַז עס ווענד זיך בלויז אין דעם, צו דער בית דין (וואָס האָט גאָרנישט אײנגעלייגט מיט בעלסקי) וועט זיך "רעכענען" מיט זיין "חוות דעת" צו "נישט"! אויב וועט זיך דער בית דין רעכענען מיט אים, הרי טוב, און אַז נישט, וועט ער דעמאלט געבן: **"דעם פולסטן היתר צו נוצן די סעקולער קאָרט סיסטעם, וואָס אַזאַ אַקציע איז מיט'ן פולן אײנקלאַנג פון דעם אידישען הלכה"**, עפרה לפומי'!

## דער בעלסקי מאכט אומגליקליך יונגע פארפאלקן

זיין גאנצע חכמה באשטייט פון דעם, אז דער קאפל זאל זיך ארומרייסן יארן אין געריכט, ביז עס קומט צו די ערגסטע "מסירות" אין רציחות וכדומה רח"ל, און עס קאסט אפ יעדען צד אַסטראָנאָמישע סומעס געלט טייל מאל ביז 100-$200,000 טויזנט דאלער, און די גאנצע צייט האט ער שיין פרנסה פאר אלע עצות רעות וואס ער גיט פאר יענעם צד.

און אויף דעם נוסח ארבעטן היינט רוב בתי דינים, ווען מען זעט דאס איינער פארמאגט געלט נעמט מען ארויס פון אים דעם דם התמצית, די רבנים זאגן "האניג?" דאס דארף בלייבן ביי אונז. דאס האבן זיי זיך געלערנט פון די לויערס.

פאַרשטייט זיך אַז נאָך ווי דער רשע בעלסקי האָט אָפּגעטוען אַזאַ מעשה נבלה איז שוין נישט געווען קיין רעדע פון קיין שלום בית. דער דין תורה האָט זיך איבערגעהאַקט, און ווי שוין דערמאָנט איז די פרוי ליידער געגאַנגען לערכאות. דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך אַרומגעריסן אין געריכט ביז כסלו שנת תשנ"ג (אַ משך פון איבער זעקס יאָר). עס איז צוגעקומען צו די ערגסטע "מסירות" וכדומה רח"ל (וואָס אויף דעם קען מען שרייבן אַ באַזונדערן בוך), און האָט אָפּגעקאָסט אַ יעדען צד אַן אַסטראָנאָמישער סומע פון אַן ערך זעכציג טויזענד דולר (יאָ! די $4,000 אויף הוצאַת בית דין דאָס האָט בעלסקי זייער געשטערט! און פרעגטס דעם באַנדיט בעלסקי צו ווען דאָס געלט וואָלט אַריין צו אים אין טאַש וואָלט ער אויף אַזוי פארפירט?).

## רשעים אפילו בפתחו של גהינם אינם חוזרים

הרה״ג ר׳ אַברהם פּאַם שליט״א דער ראש ישיבה פון תורה ודעת האָט זיך געבעטן ביי בעלסקי אַז ער זאָל למען השם צוריקציען דעם אַזויגערופענעם היתר און אָפּשטעלן דעם חילול השם. פאַרשטייט זיך אָבער אַז ביי בעלסקי עקזעסטירט נישט אַזאַ מין זאַך פון מודה זיין על האמת. און ווי די חז״ל זאָגן שוין אַז ״רשעים אַפילו על פתחו של גהינם אינם חוזרין בתשובה״ - האָט ער זיך אויס געפיפן אויפ׳ן ראש ישיבה און זיך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין רשעות.

## דער כוח התורה פון הרה״ג ר׳ דוד פיינשטיין שליט״א

צום סוף האָט זיך דער פרשה געשליכטעט, אַ דאַנק דער ראש הישיבה פון ״מתיבתא תפארת ירושלים״ הרה״ג ר׳ דוד פיינשטיין שליט״א (בן הרה״ג ר׳ משה פיינשטיין זצ״ל) וואס האָט זיך במסירת נפשו אַריינגעטועןְ אין דעם ענין. ער האָט געלאָזט רופן די פרוי און איר געזאָגט, אַז זי זאָל וויסען אַז דעם היתר וואָס זי האָט באַקומען פון איר ״ראביי״ האָט אַ פּנים ווי אַ רב וואָלט געשריבן, אַז בזמן הזה מעג מען חלילה מחלל שבת זיין. ער האָט דערביי אויך איר געזאָגט, אַז זי זאָל וויסן אַז אויב וועט זי ממשיך זיין אין די דרכים, איז אַ חוץ פון דעם וואָס אַזוי קען זי קיין גט על פי הלכה נישט באַקומען, האָט זי חלילה אויך פאַרלוירן איר חלק לעולם הבא.

## דברים היוצאים מן הלב נכנסין אל הלב

די פרוי האָט דערזען דאָס ערנסטקייט פונעם ראש ישיבה. עס האָט ביי איר עושה רושם געווען, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ענדליך נאָך אַזוי פיל אומזינסטיגע מאַטערניש און נאָך אַרויסוואַרפן אַזויפיל געלט לאיבוד, האָט זי זיך אונטערגעגעבן צום ראש הישיבה, און מבטל געווען די ערכאות מכל וכל, און אַזוי אַרום האָט זי באַקומען איר גט.

## דער ראש ישיבה באווארנט זיך

דערביי אָבער, האָט דער ראש ישיבה געוואָלט זיכער מאַכן אַז נאָכ׳ן גט זאָל די נישט אָנקומען מיט קיין פרישע התירים פון ״ראביי בעלסקי״, און אַזוי אַרום וועט דאך חלילה קענען אַרויסקומען אַ מכשול מיט דעם וואָס דער גט קען בטל ווערן למפרע, אויב נאכ׳ן גט וועט זי צוריק גיין לערכאות (ווי עס איז מבואר אין ״אגרות משה״ להגאון ר׳ משה פיינשטיין זצ״ל, ווי אזוי אויך אין פולע אַנדערע פוסקים), אויף דעם אַרויף האָט דער ראש הישיבה איר מזהיר געווען אַז אויב וועט זי נאָכ׳ן גט חלילה גיין לערכאות וועט זי מעגליך בלייבן אָן אַ גט.

בנוסף צו דעם אַלעם, האָט דער ראש הישיבה געזעצט אַ בית דין ביום כ״ו טבת תשנ״ג, און מ׳האָט די אַלע אויבנדערמאַנטע תנאים אָפגעשריבן, און דער בית דין צוזאַמען מיט׳ן ראש הישיבה האָבן גע׳חתמ׳ט אויף דעם פסק. (אַ קאָפּי פון דעם פסק ליגט ביים רעדאַקציע, און צוליב פאַרשטענדליכע סיבות האָבן מיר עס נישט געדרוקט).

למעשה ווייזט זיך אַרויס אַז די אויבנדערמאַנטע גדולי הדור האָבן דעם בעלסקי גאָר אינטערגעשאַצט, ווייל פון די לעצטע מעשה קענען מיר זיך איבערצייגן אַז נישט נאָר איז ער אַ ״כופר בעיקר״, אַ ״משוגע׳נער״, און אַ ״בן שאין לו חלק לעולם הבא״ ווי די גדולי הדור דריקן זיך אויס אויף אים, נאָר ער איז אַ פשוט׳ער איינפאַכער שופך דם און אַ רוצח!

## נאָך אַ פּאַסירונג מיט'ן מסור בעלסקי

אויך אין שנת תשנ"ה איז פארגעקומען אַן ענליכע פּאַסירונג. ס'איז געווען אַ געוויסער רב וואָס וואוינט אין פלעטבוש וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות האָט ער מער נישט געקענט וואוינען מיט זיין פרוי. בהסכמת שניהם האָבן זיי מחליט געווען זיך צו גט'ן. מ'איז אָבער געגאַנגען צו אַ דין תורה, כדי זיך פאַרגלאַכן בעניני ממונות.

די פרוי האָט גענומען בעלסקי אַז ער זאָל איר פאַרטרעטן אלץ בורר. דער דין תורה איז ענדליך פאַרטיג געוואָרן און מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ פסק.

בתוך הדברים איז געשטאַנען אינעם פסק: אַז די פרוי איז שולדיג פאַר איר מאַן אַ סכום קצוב (וואָס זי האָט צוגענומען פון איר מאנ'ס נכסים), ווי אויך אַן התחייבות צום מאַן אויסצוהאַלטן זיינע קינדער. דאס געלט וואָס מען האָט געדאַרפט איבערגעבן פאַר דעם מאַן איז אָנגעבליך געווען איינגעלייגט ביי אַ שליש ביז נאָכ'ן גט.

**לייגט און שטויגט — וואס פאַר אַן אויסגעשולטער גנב דער בעלסקי איז — עס קוקט אויס ער האָט אויף דעם מער שטודירט ווי אויף "קרא  טי טשאפס".**

ויהי היום אז דער רב האָט אָפּגע'גט די פרוי, האט בעלסקי געמאכט א יד אחת מיט'ן שליש, און ווי נאָר דער רב (דער מגרש) האָט פאַרלאַנגט די געלט וואָס קומט אים לויט'ן פסק, זאָגט אים בעלסקי, אַז דאָס געלט קען מען אים נישט געבן, ווייל

דאָס האָט מען אוועקגעלייגט אויף צו צאָלן דעם "בלו קראָס אינשורענס" פאַר די קינדער (כאָטש דאָס איז קיינמאל נישט געווען אין דער הסכם).

דער רב איז אויפגעשוידערט געוואָרן הערנדיג די ווערטער, ער האָט פראָבירט אַרומצו'טענה'ן מיט בעלסקי און אים פאָרהאַלטן איבער דעם עוולה וואָס ער טוט באַגיין אַקעגן אים, אָבער פאַרשטייט זיך אַז אַ מענטש ווי בעלסקי וואָס לעבט אויף יענעמ'ס בלוט, איז פשוט אַ שאָד יעדער מינוט צו שטיין און וואָרט מיט אים.

אַזוי איז אַדורך עטליכע חדשים ביז דער מאַן איז איינגעפאַלן אַליין אָנצורופען "בלו קראָס" און דערגיין דער אמת איבער די געלטער, (בעסער געזאָגט "די גע'גנב'טע געלטער").

## די אינשורענס קאָמפּאַני האָט גאָרנישט באַקומען!

דער רב רופט אָן "בלו קראָס" און וואָס מיינט איר? עס לאָזט זיך אויס אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בלאָף. די אינשורענס קאָמפּאַני טענה'ט אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט באַקומען קיין געלט פאַר זיינע קינדער'ס וועגן.

דער רב גייט צוריק צו בעלסקי און זאָגט אים, "היתכן איר זאָגט מיר ליגנט אין פנים אריין??? איך האָב דאָך אַליין גערופן "בלו קראס" און זיי זאָגן להד"ם"???

## בעלסקי מיט אַ פרישע בלאָף! — ביי אים גייט איין שקר נאָך דעם צווייטן

בעלסקי האָט זיך אויף דעם נישט גערעכנט, ער טראַכט אַ מינוט, און זאָגט אים "יע יע, עס איז פשוט געווען אַ מיספאַרשטענדעניש, מ'האָט דאָס געלט אַוועקגעלייגט, און אַ חלק דערפון האָט מען שוין גענוצט אויף שכר לימוד פאַר די טעכטער" (וואָס האָבן דאַן געלערנט אין בית יעקב).

דער רב ווארט נישט קיין איבריגע מינוט. ער הייבט אויף דעם טעלעפאן, און רופט אָן הרב ערנרייך נ"י, דער מנהל פון בית יעקב, און דערציילט אים וואָס דאָ גייט פאָר.

ער בעט אים, צו אפשר קען ער דערגיין דעם אמת, צו האָט מען טאַקע געגעבן דאָס געלט פאַר בית יעקב צו נישט! רב ערנרייך בעט דעם רב, אַז ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט אים אין עטליכע טעג אַרום, האָפנטליך וועט ער אים וויסן צו זאָגן אַ קלאָרע תשובה.

## מען כאַפּט ווייטער בעלסקי'ן מיט זיינע שקרים!

דער רב האָט עטליכע טעג שפעטער צוריקגערופן רב ערנרייך, און צו זיין ערשטוינונג ווערט ער געוואָר אַז אויך די מעשה איז איין שטיק בלאף. בית יעקב האָט קיינמאָל נישט ערהאַלטן קיין איין איינציגע פרוטה אויף שכר לימוד פאַר די רב'ס טעכטער'ס וועגן.

פאַרשטייט זיך אַז עד היום האָבן די גנבים נאָך אַלץ נישט אָפּגעגעבן דאס געלט.

## על פי הלכה איז דאָס אַ ״גט מוטעה״, ס׳איז פסול למפרע

ערליכע חרד׳ישע רבנים וואָס האָבן געהערט פון דעם מעשה נבלה זענען דאַן אַרויסגעקומען און קלאר גע׳פסק׳נט, אַז היות די אַזויגערופענער ״בית דין״ האבן נאָכ׳ן גט אָפּגעשווינדלט דעם מאַן, און נישט איינגעהאַלטן וואָס זיי אַליין האָבן בפירוש אָפּגעמאַכט מיט׳ן מאַן פאַר׳ן גט, ממילא איז דאָס על פי הלכה אַ ״גט מוטעה״ וואָס איז בטל למפרע. (זע קאָפּי פון פסק פון הרה״ג ר׳ מאיר בראַנדסדאָרפער שליט״א מבד״צ דעדה החרדית עיה״ק ירושלים אויף זייט).

## בעלסקי׳ן גייט אָן דער איסור אשת איש, ווי דער פאַריעריגער שניי

פאַרשטייט זיך אַז בעלסקי גלייבט טאַקע נישט אין דעם חומר האיסור פון אַן אשת איש, אָבער אַף על פי כן האָט ער געברענט פאַר כעס הערנדיג אַז מ׳האָט אָפּגע׳פסל׳ט זיין גט. (אַגב קוקט אַריין און אגרות משה (אבה״ע ח״ג סימן ל״ז) ווי אויך אין שו״ת עין יצחק סימן מ׳ וואָס ער שרייבט בפירוש בכעין נידון דידן אַז דער גט איז ״בטל מדאורייתא״).

אַדהכי והכי, איז אַדורך געלאָפן עטליכע יאָר, און דער רב האָט בעזר השם נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. די ערשטע פרוי זיינע האָט דאָס זייער וויי געטוען און נישט געקענט אַראָפּשלונגען,

איז זי געלאפען צו בעלסקי און אים געזאָגט אַז די געוועזענע מאַן אירע געט איר נישט "געגוג" געלט פאַר די קינדער'ס וועגן.

למעשה זענען דאָרט געווען פיר טעכטער (נישט קיין זון). די עלטסטע טאָכטער האָט שוין געאַרבעט, די צווייטע טאָכטער האָט בכלל נישט געוואוינט מיט איר מוטער, ווייל זי האָט זיך מיט איר נישט פאַרטראָגן, און איז אַנטלאָפן פון שטוב, און היות איר טאַטע האָט שוין דאַן נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע פרוי האָט די טאכטער נישט געוואָלט וואוינען ביים פאָטער.

בקיצור, עס האָט זיך געהאנדלט וועגן צוויי (אויך שוין עלטערע) קינדער. דער טאטע איז דאַן אָבער געווען אין אַ שווערן צושטאַנד, בנוסף צו דעם וואָס די ערשטע פרוי זיינע צוזאַמען מיט בעלסקי'ן האָבן פון אים צוגערויבט דאָס לעצטע פרוטה וואָס ער האָט פאַרמאָגט, נו וואָס זאָל ער יעצט טוען?

בעלסקי האָט דאָך אָבער דאַן געזוכט נקמה צונעמען פונעם מאַן צוליב דעם וואָס די רבנים האָבן גע'פסל'ט זיין אַזוי גערופענעם "גט", און צו די זעלבע צייט האָבן די רבנים מתיר געווען דעם רב חתונה צו האָבן - (ווייל דעם איסור אשת איש האָט דאך בעלסקי'ן סיי ווי נישט אינטערסירט, און די גזילה ווייטער האָט ער נישט געהאַלטן ביים אָפּגעבן, און ממילא האָט ער אַלס אָפּגעוועגד נישט צו צולאָזן אַז זיין קליענט זאָל זיך משוה זיין מיט איר מאַן, און אַזוי אַרום באַקומען אַ כשר'ן גט כדין תורה) - אַשר על כן, האט ער אויף דעם אַרויף גע'עצה'ט די פרוי אַז זי זאָל גיין לערכאות של עכו"ם (דאָס איז דאָך פאַר'ן

ליינער שוין קענטליך) אָנקלאָגען דעם געווענעם מאַן, וואָס דאָרט - ווי עס איז באַקאַנט - טאָמער צאָלט מען נישט אַ געוויסע סכום געלט פאַר די קינדער ("טשיילד סאָפּורט" ווי מ'רופט עס), קען מען דעם טאַטע איינשפאַרן אין תפיסה רח"ל. ער מעג שרייען חי וקים אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין פרוטה, עס וועט אים גאָרנישט העלפן! (יאָ! וואונדערט אייך נישט! דאָס זענען די דעמאָקראַטישע געזעצן פון דעם גאָלדענעם אַמעריקא מיט זייער "קאָנסטעטיושען", און מיר וואונטשן קיינעם חלילה נישט געפּרואווט צו ווערן).

## בעלסקי טאַנצט פאַר שמחה, ער האָט אַריינגעשליידערט אַ איד אין תפיסה

געזאָגט און געטוען, די פרוי האָט אויפגענומען אַן אַדוואָקאַט (פאַרשטייט זיך אַז אויף איינצוזעצן דעם מאַן איז שוין געווען גענוג געלט) און אָנגעקלאָגט איר מאַן אין "קאָרט", און בין יום ובין לילה האָבן די רשעים ימ"ש אריינגעשליידערט דעם רב אין תפיסה אַריין צוזאַמען מיט די געמיינסטע און ערגסטע פאַרברעכער רח"ל.

## הגה"צ הרב שוואב זצ"ל איז עוסק אין פדיון שבויים

ס'איז געוואָרן אַ ויצעקו אין שטאָט. פאַרשידענע רבנים און עסקנים זענען זיך צונויף געקומען אויף אַן אסיפה און אָנגהויבן עוסק צו זיין אין דער מצוה פון פדיון שבויים. אינצווישן איז מען געוואויר געוואָרן אַז הרב שוואַב (ז"ל) פון וואשינגטאָן הייטס, קען גאָר די געווענע פרוי מיט איר משפחה. אויף דעם

אַרויף האָבן די רבנים געשיקט אַ דעליגאַציע פון עטליכע עסקנים צו הרב שוואַב ז"ל אים בעטן צו שתדל'ן אין דעם ענין. די עסקנים זענען אַרויף צו הרב שוואַב און שטוב, עס איז דאַן געווען כסלו שנת תשנ"ה ווען הרב שוואַב איז שוין דאַן געווען אין אַ שוואַכן צושטאַנד, אָבער הערנדיג איבער וואָס עס האנדלט זיך האָט הרב שוואַב זייער וואַרעם אויפגענומען די עסקנים. הרב שוואַב הערנדיג די שרעקליכע מעשה האָט אַסאַך נישט אַריינגעקלערט. ער האָט באַלד גענומען דעם טעלעפאָן אין די האַנט אַריין, אָנגערופן די פרוי, און איר פאַרגעהאַלטן און געטאַדלט ווי אַזוי מעג אַ איד דען מסר'ן אויף אַ צווייטן איד? די פרוי האָט אים אָבער צוריק געענטפערט אַז, "ראַביי בעלסקי סעד איטס אָקעי". הרב שוואַב האָט איר אָבער צוריק געענטפערט, "איי דאָונט קער וואַט בעלסקי סעד - ס'איז נישט פאַראַן קיין שום היתר צו מסר'ן און איינשפאַרן אַ איד אין תפיסה". (העתק מ'טעיפ). די פרוי אָבער האָט זיך נישט צוגעהערט צו רב שוואַב'ס ווערטער און ווייטער ממשיך געווען בדרכה הרשעה.

## בעלסקי דער מסור שלאָפט רואיג!

הרב עובדי' יוסף פון ירושלים וועלכע קען זיך מיט'ן מאַנ'ס משפחה האָט אויפגעהויבן א טעלעפאָן צו בעלסקי און אים פאָרגעהאַלטן פאַר די מעשה נבלה. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז הר' עובדי' יוסף האָט גערעדט אויף טויבע אויערן. "בעלסקי מסור" האָט ווייטער געלאָזט דעם רב שמאַכטן אין תפיסה, און ער איז זיך געשלאָפן רואיג ביינאַכט ווי קיינמאָל גאָרנישט (דער

נקמה אַקציע איז אים געלונגען און האָט שוין דאַן מן הסתם געטראַכט פון זיין נעקסטן קרבן).

## הרב פאם קען נישט פועלן ביי בעלסקי־מסור

אַגב, ווען מ׳האָט אַמאָל געבעטן הרב פּאַם שליט״א אַז ער זאָל משתדל זיין ביי בעלסקי ער זאָל שוין אויפהערן מיט זיינע מסירות און רשעות, האָט רב פּאַם געזאָגט בזה״ל, ״איך זאָג אייך צו אַז איך קען מיט דעם מענטש ניט רעדן ער איז טעמפּרימענטאַל״ (אַן אָנגעצויגענע).

## מען נעמט צוזאַם פאַר׳ן רב $30,000.00 פאַר פדיון שבויים

צוריק ווי מיר האַלטן, די געטרייע קהלה פון בית המדרש ״אהבה ואחוה״ ווי דער רב איז דאָרט מרא דאתרא, האָבן אונטער גענומען אַ ״פדיון שבויים אַמערדזשענסי קאַמפּיין״, און האָבן מיט שווייס און מי צוזאַמען געשטעלט אַן אַסטראָנאָמישע סומע פון $30.000.00. מען האָט דאָס געלט גענומען און איינגעלייגט ביי אַ געוויסן אַדוואָקאַט אויף אזוי לאַנג ביז מ׳וועט ענדיגן פאַרהאַנדלן מיט די פרוי און קומען צו אַ ״סעטלמענט״. די פרוי אָבער מיט אירע יועצים זענען נישט איינגעגאַנגען אויף די גרויסע סומע. זי וויל אַ סומע וואָס באַטרעפט איבער $60.000.00 (איר פאַרשטייט אַ מעשה? זי דאַרף $60.000.00 אַז די קינדער זאָלן חלילה נישט אויסגיין פאַר הונגער!). די ״קאָרט״ ווייטער האָט די פרוי נאָכגעגעבן אַלס וואָס זי האָט נאָר פאַרלאַנגט, ווייל דער שופט איז געווען

איבערגעצייגט אַז היות דער מאַן איז דאָך אַ "ראַביי" איז ער דאָך בלי ספק אַ מאָלטי מיליאָנער.

## ראַביי בעלסקי גיט א פדיון שבויים בריוו - הערט און שטוינט!!!

על כל פנים, מ'האָט שוין דאָ געזען ווי מ'האַלט, די עסקנים זענען געווען איבערגעצייגט אַז ווי מער מ'וועט נאָכגעבן אַלץ מער וועט די פרוי פאַרלאַנגען. אַזוי קלערנדיג וואָס מ'טוט דאַ, האָבן עטליכע עסקנים מחליט געווען אַליין אריבערגיין צו דעם בעלסקי און דאָך זען צו מ'קען עפעס טוען. און אזוי האָט מען טאָקע געטוען.

מאָנטאָג נאַכט אור ליום י"ב כסלו תשנ"ה זענען עטליכע יונגעלייט אַרויף צו בעלסקי'ן. בעלסקי האָט די יונגעלייט זייער העפליך אויפגענומען (יאָ, יאָ, העפליך! ד"ר מענגעלע ימ"ש האָט אויך געקענט די סאָרט פאַך פון זיין "העפליך" ווער עס געדענקט). בעלסקי האָט געשפילט כאילו ער ווייס נישט וואָס מ'וויל פון אים, און דערביי נאָך צוגעלייגט זאָגנדיג, "אַוודאי, מ'דאַרף זען צו טוען וואָס מ'קען". איינער פון די עסקנים האָבן אים באַלד געכאַפּט דערויף און אים געזאָגט, "אָבער איר זענט דאָך "איר" רב און וואָס איר וועט איר הייסן טוען וועט זי געוויס אייך פאָלגן, דאַרפט איר דאָך עפעס טוען דערוועגן". "וואָס קען איך דען טוען?" פרעגט בעלסקי תם'עוואַטיש. "קענט איר אפשר אונז געבן אַ בריוו?" פרעגט אים צוריק דער עסקן. "וואָס פאַר אַ בריוו?" פרעגט בעלסקי. דער עסקן ענטפערט אים: "איר טוט דאָך שוין אַ לענגערע צייט אין די ענינים, און

מיר פאַרשטייען אַז מן הסתם ווייסט איר ווי אַזוי אָפּצושרייבן אַ בריוו בנוגע די מצוה פון פדיון שבויים". "גוט! קומט צוריק מאָרגן אין אַזאַ צייט, וועל איך פאַר אייך האָבן אַ בריוו" זאָגט זיי בעלסקי. די עסקנים האָבן אים געזאָגט, "אַ יישר כחכם ראַביי בעלסקי, אַ גוטע נאַכט" און האָבן פאַרלאָזט די הויז.

אויף צומאָרגנס, דינסטאָג נאַכט אור ליום י"ג כסלו זענען צוויי יונגעלייט אַרויף צו בעלסקי, מ'קלאַפּט אָן אויף די טיר, דער הויכער בעלסקי אַליין עפענט די טיר און זאָגט זיי, "אָה! קומט אַריין! איר זענט געקומען נאָכ'ן בריוו, אַנטשולדיגט, איר קענט אפשר צו וואַרטן נאָך אַ פּאָר מינוט?, איך האַלט טאַקע יעצט אינמיטן שרייבן דעם בריוו". "אַוודאי, אַוודאי, איר דאַרפט אייך נישט יאָגן צוליב אונז, נעמט אייך וויפיל צייט איר דאַרפט צום שרייבן, מיר וועלן גערן צו וואַרטן", ענטפערן די צוויי יונגעלייט. עס גייט נישט אַדורך קיין פינעף מינוט און בעלסקי קומט צו גיין מיט אַ צוגעקלעבטן ענוועלאָפּ און זאָגט זיי, "דאָ האָט איר דעם בריוו". די יונגעלייט האָבן אים באַדאַנקט זאָגנדיג, "אַ יישר כחכם ראַביי בעלסקי, עס זאָל אַייך זיין צו מצוה, אַ גוטע נאַכט".

די יונגעלייט זעצן זיך אַריין אין זייער קאַר, צינדן אָן דעם נאַכט לעמפּל און פאַרשטייט זיך אַז באַלד עפענען זיי אויף דעם "פדיון שבויים" בריוו. אָט דערזעען זיי דאָס פאָלגנדע: דער בריוו איז געשריבן אויף בעלסקי'ס אייגענער "לעטערהעד", זיין אייגן האַנטשריפט (באמת אַ חשיבות), געמישטע ענגלישע מיט להבדיל לשון קודש אותיות, און עס ליינט זיך ווי פאָלגנד:

**"לכל מאן דבעי,"** צו יעדן וועמען ס'איז נוגע, **"איי עם נאו לאנגער אינוואלווד אין די איזרעיל קעיס אין עֶנִי וויטש ועי."**

**אויף אידיש:** "איך בין מער נישט אַריינגעמישט אין דעם איזרעיל ענין אין כאטש וועלכע וועג". מיט דעם איז דער בריוו פאַרטיג! נאָכדעם פאַרענדיגט ער: **"בכבוד רב, ישראל הלוי בעלסקי, יום י"ג כסלו תשנ"ה פה ברוקלין".** (זע קאָפּי פון בריוו אויף זייט ?).

## דער הויפּט נאַצי גיט אַ פדיון שבויים בריוו!

יאָ! דאָס איז דער "פדיון שבויים" בריוו וואָס בעלסקי האָט איבערגעגעבן פאַר די עסקנים. נו, פאַרשטייט איר שוין וואָס פאַר אַ סאַדיסט דער איז? נאָך ווי דער רשע האָט אָפּגעטוען אַלע זיינע רציחה שטיק און גלייכגילטיג געהאָלפן איינזעצן אַ איד אין תפיסה רח"ל, האָט ער יעצט די חוצפּה און העזה צו שרייבן, "איך בין מער נישט אַריינגעמישט". **"דו נאַצי איינער! דו האָסט דאָך אַלעס אָנגעדרייט פון אָנפאנג ביז'ן סוף, יעצט זאָגסטו נאָך, "איך בין מער נישט פאַרמישט"???** וואָס מיינט דאָס "מער נישט פאַרמישט???" וועמען מיינסטו דו נאַרסט אָפּ??? דו אומפאַרשעמטע נידערטרעכטיגע בריאה! דו שעמסט זיך אַפילו נישט צו ווייזן ברבים דיינע "פדיון שבויים" בריוון???" אַזוי שרייט זיך אַרויס פון יעדעס אידיש הארץ וועמנ'ס נשמה איז נאָר געשטאַנען ביים מעמד הר סיני.

## דער אַלטער גנב - בעלסקי

די מעשה נבלה האָט זיך געענדיגט אַזוי: מ׳האָט אויפגענומען אַן אַדוואָקאַט אַ פרוי, וואָס ווען דער אַדוואָקאַט האָט געהערט אַז בעלסקי איז פאַרמישט איז זי אויפגעשפרינגען זאָגנדיג, אַז זי קען שוין פון לאנג דעם ״אַלטן גנב בעלסקי״, און אַזוי אַרום האָט דער השגחה פרטיות געפירט אַז צוזעענדיג דעם אומרעכט וואָס איז באַגאנגען געוואָרן האָט זי נישט געוואָלט נעמען קיין איין פרוטה. מ׳האָט אָנגעקלאָגט די פרוי, די ״מוסרת״ אויף קרימינאַלע אָנקלאַגעס פאַר פעלשן און זאָגן ליגנט במזיד. די סאָרט שפראַך האָט זי שוין גוט פאַרשטאַנען, און אזוי אַרום האָט מען בעזרת השם אָפּגעמאַכט אן הסכם, אַז טאָמער וועט זי (די פרוי) זיך אָפּטשעפּענען פון איר מאַן און אויפהערן מיט די רשעות׳דיגע שטיק, דאַן וועט מען צוריקציען די אָנקלאַגעס אַקעגן איר און אַזוי האָט זיך ענדליך די פרשה געשלאָסן.

## נאך איינער אַריינגעפאלן מיט דעם בעלסקי שר״י

הרב דוד וויינבערגער שליט״א דער מרא דאתרא פון ״בה״מ שערי תפלה״ אין קווינס, דערציילט זיין קורצע עפיזאָד וואָס ער האָט געהאַט מיט בעלסקי, ״איך האָב זיך פערצופאַל אַמאָל פאַרבינדן מיט ראַביי איזרעיל בעלסקי איבער אַ געוויסע ענין. איך האָב געמאַכט קאָנטאַקט מיט אים ווייל איך האָב געמיינט אַז ער איז אַן ערענסטדיגע מענטש, וויסנדיג אַז ער איז אַ מג״ש אין ישיבה תורה ודעת, און מ׳האָט מיר געזאָגט אַז ער איז עוסק אין געוויסע ענינים אויף וואָס איך האָב גראַדע באַדאַרפט האָבן אַן עצה. איך האָב קיין סאַך נישט צוזאָגן - דערציילט ער ווייטער - נאָר אַזויפיל יאַ, אַז אַזאַ טעות וואָס איך האָב געמאַכט זיך צו בלויז פאַרבינדן מיט דעם בעלסקי, האָב איך אין מיין לעבן נאָך נישט געמאַכט״! דהיינו למשל וואָס? פרעגן מיר הרב וויינבערגער.

## קיין איין וואָרט אמת גייט נישט אַרויס פון זיין מויל

״איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב אייך נישט צו פאַרציילן קיין לאַנגע מעשות מיט פשט׳ליך, **דער מענטש איז אַן איינפאַכער ליגנער וואָס ווי עס שיינט איז ער קראַנק אין דעם הינזיכט.** ער ווייס נישט וויאַזוי אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט אמת פון מויל אַרויס. **ליגנט, ליגנט, ליגנט און נאָכאַמאָל ליגנט!**״ מיר האָבן אָבער באַרואיגט הרב וויינבערגער׳ן זאָגנ׳דיג אים, ״הרב וויינבערגער, מיר האָבן מיט אייך מיטלייד און קענען זייער גוט פאַרשטיין דעם ווייטאָג וואָס מ׳האָט, ווען מ׳האָט צו טוען מיט אַ

געפערליכער ליגנער ווי בעלסקי, אָבער נאך אַלעם, טאָמער איז אייער גאַנצער פּראָבלעם מיט אים, בלויז ווי איר זאָגט "ליגנט, ליגנט, ליגנט און נאָכאַמאָל ליגנט", דעמאָלט זענט איר אַרויס מיט ריוח!  נאָכדעם ווי מ'האָט מסביר געווען פאַר הרב וויינבערגער בלויז "מקצת שבחו" פון דעם פּאַרשוין בעלסקי, האָט ער לייכט אָפּגעאָטעמט, און אַ צופרידענער געזאָגט, "איר האט מיך יעצט באמת באַרואיגט און פון מיר אַוועקגענומען אַסאַך פיינפולע צער און עגמת נפש".

## בעלסקי וויל גרויס ווערן אָבער ס'גייט אים עפּעס נישט! — פון ווי שטאמט ער?

די ערשטער שאַלה וואָס מענטשן פרעגן וועגן בעלסקי איז, "מה טיבו, פון ווי שטאַמט ער?" וועלן מיר אייך דערציילן אַ סוד, אַז לויט ווי מיר ווייסן איז די גאַנצע משפחה זיינע געווען פרייע אַמעריקאַנער וואס מ'האָט זיי מקרב געווען צו אידישקייט.  בפרט דעם "סראָלקע בעלסקי" האָבנ'דיג אַ גוט קעפל האָט מען אים נאָכמער מקרב געווען.  ער האָט גראַדע גוט פאַרשטאַנען לערנען, אויסער דעם איז ער געווען אַ "קענער" אין וועלטליכע זאַכן ווי "אַסטראָנאָמיע", "אַסטראָלאָגיע" א.א.וו. און אַזוי אַרום זייענדיג אַ "געלונגענער" בחור האָט זיין שווער (אויך אַן אַמעריקאַנער) גענומען דעם "טשאַטשקעלע" (אָבער נאָך וואָס פאַר אַ טשאַטשקעלע)  פאר אַן איידים.

## אַ סייענס טיטשער — אַ שוחט — אַ מוהל — אַ מגי״ש — אַ דיין

געווען איז ער קודם אַן ענגלישע ״סייענס טיטשער״, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שוחט ביי די OU, נאָכדעם אַ מוהל, נאָכדעם אַ מג״ש, איבערנאַכט איז ער שוין געוואָרן אַ בורר (ביי אים איז שעכטן בהמות און שעכטן מענטשן די זעלבע זאַך), נאָכדעם צוריק געוואָרן אַ ״ראַביי״ ביי די OU (וואָס דאָרטן פּאַסט ער זייער גוט אַריין), און אַזוי גייט ער ווייטער און ווייטער. ער ווייסט אַליין נישט וואָס צו טוען מיט זיך, אָבער איין זאַך האָט ער בההלט גמורה אָפּגעמאַכט אַז ״ער מוז גרויס ווערן״.

## ווער איז דער ירבעם בן נבט שבדורינו?

נישט אומזינסט האָט זיך הרה״ח... (וועלכע האָט אונז געבעטן נישט צו דערמאַנען זיין נאָמען) וועלכע האָט זיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן לוחם צו זיין אַקעגן די מיסיאָנערן ימ״ש, זיך אויסגעדריקט אויף בעלסקי אַז ער איז דער ״ירבעם בן נבט שבדורינו״, אויף בעלסקי ווייסט ער בלויז צו זאָגן, אַז אַזאַ בעל גאוה און חוטא ומחטיא את הרבים ווי אים איז נישט דאָ דאָס גלייכן.

**חשוב׳ע און געערטע לייגער**, דאָס וואָס מיר האָבן פריער דערמאַנט אַז בעלסקי קומט פון אַ פרייע משפחה מיינען מיר חלילה נישט צו באַליידיגן די חוזרי בתשובה, אַדרבה עס איז באַקאַנט פונעם סטייפּלער גאון זצוק״ל אַז אַפילו מ׳שטאַמט פון

אַ פריי הויז, טאָמער אָבער אַרבעט מען זיך אויס מיט מדות און מ׳לערנט תורה לשמה וכו׳, דעמאָלט קען דער פגם מיט דער צייט נתבטל ווערן, אזוי אויך ענליכס ווערט געברענגט אין שו״ת שבט הלוי מהגאון האדיר ר׳ שמואל וואזנער שליט״א, משא״כ ביי דעם בעלסקי זעט מען נישט קיין תורה לשמה, און אַוודאי נישט די מדות מיט וואָס אידישע קינדער צייכענען זיך אויס, ממילא איז ער געבליבן נישט נאָר ליידער מיט׳ן פגם, נאר אויך מיט זיין גיפטיגע בלוט שמכלה את כל וד״ל.

## המוסר ממון ישראל ביד עכו״ם הוא מומר לכל התורה — המוסר והאפיקורס שמלו צריך לחזור ולהטיף ממנו דם ברית

בנוגע וואָס מיר האָבן דערמאַנט אַז בעלסקי איז אַ ״מוהל״ איז כדי אַריינצוקוקן אין סה״ק דרך פקודיך פונעם הייליגן בני יששכר, מצות עשה ב׳, מילה, אות י״ט. מפני אריכות הדברים וועלן מיר נישט אַראָפּברענגען דעם גאַנצן ענין ככתבו וכלשונו, נאר עטליכע וויכטיגע לשונות וואָס זענען חוצב להבת אש און איז נוגע אונזער ענין. נאָכדעם ווי דער דרך פקודיך איז מבאר אַז איינער וואָס איז בלויז גורם ״**למסור פרוטה אחת ממון ישראל ביד עכו״ם**״ האָט אַ דין ווי א ״**מומר לכל התורה**״, שרייבט ער ווייטער בזה״ל, ״**המוסר והאפיקורס שמלו צריך לחזור ולהטיף ממנו דם ברית, הנה תדע הקורא נעים, בעוה״ר שכיח הזיקא בדורות הללו עקבות משיחא גמר הבירור אשר בעוה״ר אינהו נפישי מינן וקיימי עלן בכלי חמס כי כסלא לאוגיא, והן המה לרישי עמא בקיומא סגיא, ומרבית העם נושאים להם**

**פנים ומכבדים אותם בכיבודא דמצוה זו ואין איש שם על לב שמעשיהם במצוה זו כמעשה קוף בעלמא, וגרע ביותר, על כן הנימולים על ידם ח"ו גדולים בעון בני בלי שם, כי אינם חתומים בטבעת המלך, על כן שומר נפשו ירחק מזה ולא יכבד בכיבודא דמצוה זו לכת הארורה הזאת" וכו'** עכל"ק.

**מיר וועלן עס איבערזעצן אויף אידיש:** "אַ מסור און אַן אַפּיקורס וואָס האָבן [איינעם] מַל'ע געווען, דאַרף מען אים נאָכאַמאָל מטיף דם זיין, אַצינד זאָלסטו וויסן טייערע ליינער, אַז צוליב אונזערע פיל זינד טרעפן זיך מזיקים, אין די היינטיגע דורות וואָס שטייען שוין ביי די פוסטריט פון משיח, וואָס דאַן איז דער גמר הבירור (הג"ה מהמו"ל: זע דעם אור החיים הק' אָנפאַנג פר' בראשית אות כ"ב אויפ'ן ענין פון גמר הבירור בביאת המשיח, ואכמ"ל) וואָס צוליב אונזערע פיל זינד זענען זיי [די מזיקים] מער פון אונז, זיי שטייען איבער אונז מיט רויב כלים [גיוועהר] אַזוי ווי די אַריינגעגראָבענע שורה אין די ערד (אויף ענגליש ווערט דאָס אָנגערופן אַ (RIDGE) וואָס נעמט אַרום דאָס בערגל וואָס אויף איר וואַקסט אַ וויינשטאָק, און זיי זענען פירער פונעם פאָלק מיט דיקטאַטאָר, און פיל מענטשן קוקן אויף זיי אַרויף און זענען זיי מכבד מיט דעם כיבוד פון די מצות [מילה], און קיין שום מענטש נעמט נישט אין אַכט אַז זייער מעשה אין די דאָזיגע מצוה איז אַזוי ווי אַ מאַלפּע (MONKEY) וואָלט עס געטוען, און נאָך ערגער, - על כן, די וואָס ווערן חס ושלום גע'מל'ט דורך זיי וואַקסן אויף זינדיג, קינדער וואָס טראָגן נישט מיט זיך דעם הייליגן באַשעפער'ס נאָמען, ווייל זיי

זענען נישט גע׳חתמ׳ט מיט׳ן זיגל פונעם מלך, על כן, דער וואָס היט זיין נפש זאָל זיך פון דעם דערווייטערן און נישט מכבד זיין מיט׳ן כיבוד פונעם דאָזיגן מצוה די דאָזיגע פארשאָלטענע כת״.

## דער בני יששכר שרייבט אַז פאַר ביאת המשיח וועלן די מוסרים זיין מוהלים רח״ל

עס איז איבריג מוסף צו זיין אויף די הייליגע ווערטער, ווייל ווער עס האָט נאָר אביסל פאַרשטאַנד זעט דאָך ממש די אָפענע רוח הקודש פונעם הייליגן בני יששכר וואָס האָט פאָראויס געזען אַז בעיקבתא דמשיחא וועלן די ״מוסרים״ גאָר זיין ״מוהלים״ רח״ל. אויך וואָס ער שרייבט אַז זיי וועלן גאָר הייסן ״רישי עמא״, זעט מען קלאָר ווי ס׳איז ליידער מקויים געוואָרן. אַלזאָ זעען מיר אַז דאָס וואָס דער בעלסקי איז גאָר אַ ״מגיד שיעור״ אין ״תורה ודעת״, דאָס איז פאַר׳ן הייליגן בני יששכר גאָרנישט קשה געווען, ווייל ער שרייבט דאָך דאָרט, אַז דייקא אַזאַ פנים וועט האָבן דער דור פון משיח. יאָ! דער ״מגיד שיעור״ וואָס לערנט פאָר אין אַ ״ישיבה״ וועט גאָר זיין אַ ״מסור״, און דער זעלבער ״מסור״ וועט גאָר זיין אַ ״מוהל״, און בנידון דידן קען מען דאָך אויך צולייגן אַן ״אַפיקורס״ און אַ ״כופר בעיקר״ (ווי עס זאָגן אויף דעם עדות גדולי הדור), און דאָס אַלס איז ליידער נישט קיין שום סתירה בעוה״ר לויט׳ן הייליגן בני יששכר.

## די מוסרים און מוהלים זענען פון די כתות ערב רב — דאָס קינד וואָס בעלסקי איז געווען זיין מוהל, איז דאָס קינד כשר?.. — מעג מען זיך משדך זיין מיט דעם קינד?

עס איז אויך כדי אַראָפּצוּברענגען דאָס לשון מיט וואָס דער בני יששכר פאַרענדיגט דעם ענין, ער ענדיגט צו ווי פאלגנד: **"הן המה כתות ערב רב המבוארים בזוה"ק, ותהי זאת נחמתינו בהתוודע לנו שאין להם חלק ונחלה באלקי ישראל ובתורתו ואינם בכלל ערבותינו וכל בית ישראל יהי' נקיים לפני ד' עד עולם ובמהרה יגלה כבוד מלכותו ית"ש עלינו ויראו כל עמי הארץ כי שם ד' נקרא עלינו וכהמס דונג מפני אש יאבדו רשעים מפני אלקים וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים."**

דער לעצטער מאמר איז אויך אַקטועל צו אונזער נושא. ווייל לויט ווי עס ווערט געברענגט אין די מדרשי חז"ל קומט אויס, אַז ווען מ'וואָלט לכתחילה נישט מקרב געווען די ערב רב וואָלט כלל ישראל נישט געליטן אַזוי פיל צרות. דאָס קען מען אויך זען לגבי דעם נבל בעלסקי, דהיינו, די תוצאה פון דעם וואָס מ'האָט אים מקרב געווען מיט יאָרן צוריק האָט קיין גוטס נישט געברענגט, וואָס לויט'ן בני יששכר זעט מען דאָך קלאָר אַז ער איז מכיתות הערב רב, ווי ער שרייבט דאָס בפירוש, **"הן המה"**, דהיינו, די אויבן דערמאַנטע "מוסרים" און "מוהלים", זיי זענען דאָס די **"כיתות ערב רב המבוארים בזוה"ק"**, אָבער באמת ווי מיר ווייסן איז דער ענין פון מקרב זיין די ערב רב געווען אַ גזירה מן השמים ונסתרים דרכי ד', ממילא דאַרפן

מיר אויך מאַמין זיין אַז ליידער איז דער ענין וואָס מ'האָט מקרב געווען דעם בן סורר ומורר בעלסקי אַ גזירה מן השמים, און מיר דאַרפן זיך בלויז טרייסטן מיט דעם וואָס דער בני יששכר ענדיגט צו בנוגע די דאָזיגע מוסרים און מוהלים אַז "**במהרה יגלה כבוד מלכותו ית"ש עלינו וכו' וכהמס דונג מפני אש יאבדו רשעים מפני אלקים וכו'", אכי"ר.**

## דער מוסר ועוכר איזרעיל בעלסקי וויל ווערן ראש ישיבה אין תורה ודעת — ווען וועט מען דעם גע'שמד'טן מסור אַרויסוואַרפן פון דער ישיבה?

עס איז נישט קיין סוד אַז ראַביי איזרעיל בעלסקי רייבט זיך די הענט און רישט זיך צו ווערן אַמאָל דער "ראש הישיבה" פון "תורה ודעת". ער האָט שוין כמה פעמים מרמז געווען פאַר אַנדערע זיין באַגער און וואונטש צו ווערן דער ראש הישיבה. לויט ווי עס געבן אונז איבער די "באָרד אוו דיירעקטארס" מעג ער דערפון חלומ'ען בייטאָג און ביינאַכט אָבער נישט מער פון דעם.

**ערשטנס:** ווייל בלויז מיט דעם וואָס ער חלומ'ט ווערט מען נאָך נישט פאַרדעם קיין ראש ישיבה!

**צווייטנס:** טאָקע פאַרדעם אַליין וואָס ער חלומ'ט אַזעלכע זיסע חלומות קען אים קיינער נישט סובל זיין, ער פאַרעקלט פשוט מענטשן מיט זיין גאוה.

אזוי אויך איז באַוואוסט אַז מיט עטליכע יאָר צוריק איז פאָרגעקומען וואַלן ביי די "באָרד אוו דיירעקטארס" אויף פטור

צו ווערן פון דעם צרעת נושנת בעלסקי. עס זענען געווען כמעט העלפט וואָס האָבן געשטימט אים אָפּצוזאָגן פון זיין "זשאָב". בנוגע די אַנדערע וואָס האָבן געשטימט לטובתו, האָבן מיר אַליין געהערט פון עטליכע מעמבערס פונעם באָרד, אַז ס'האָט בלויז געהאַט צוטוען מיט פּאָליטיק דהיינו, "וואָס וועלן אַנדערע מענטשן זאָגן" א.א.וו. (ווי הגאון רבי מרדכי גיפטער שליט"א האָט זיך אמאל אויסגעדריקט, "דאָ אין אַמעריקא בעוה"ר זענען ליידער די "בעלי בתים" און דער "זשואיש פרעס" די מנהיגים פון די תורה וועלט!)

## דער מטורף בעלסקי קרוינט זיך אַלס "דיין הגדול" פון ישיבה תורה ודעת

עס איז אויך נישט קיין סוד אַז בעלסקי האָט שוין מערערע מאָל פּראָבירט צו מאַכן אַ "בית דין" אין ישיבה תורה ודעת און דערביי זיך רופן "ראש בית דין דישיבת תורה ודעת". בעלסקי האָט דאָך אָבער געוואוסט אַז מ'וועט דאָס נישט צולאָזן, ווייל ווער וועט אים דען קרוינען אַלס "ראש בית דין" אַ חוץ ער אַליין? בעלסקי האָט אָבער דאָך נישט אויפגעגעבן (ווי זאָגט דער וועלט? מ'מעג זיך לערנען פון אַ גנב קיינמאָל נישט אויפצוגעבן), ביז ס'איז אים איינגעפאַלן אַ חעלעמע געדאַנק! דער שוטה איז געגאַנגען און זיך געלאָזט מאַכן אַ זיגל (דער רעדאַקציע ווייס אַפילו צו זאָגן אַז ער האָט עס געלאָזט מאַכן ביי "גאָלדסטינ'ס פרעס" אויף דער 16טע עוו. אין באָרא פּאַרק), דער זיגל ליינט זיך: **"בית דין צדק על ידי כולל האברכים והישיבה"**, ווי אויך די זעלבע לשון איבערגעזעצט אין

ענגליש. בעלסקי טיפש האָט געמיינט אַז ער האָט אויסגענאַרט די גאַנצע וועלט. זיין חשבון איז געווען אַז קודם וועט ער נישט דערמאַנען אויפ׳ן זיגל דעם נאָמען ״תורה ודעת״, און ממילא וועט זיך קיינער נישט כאַפּן וואָס ער וויל דאָ, און אַ צייט שפּעטער, נאָך ווי ער וועט זיך שוין גוט האָבן אַריינגעדרייט אין די ביזנעס, וועט ער דעמאָלט זיך שוין לאָזן דריקן אַ זיגל מיט אַלע טיטלען און פּיטשיווקעס, און אַזוי האָפנטליך וועט ער זיך שוין עמטליך קענען רופן ״ראש״ בית דין.

## די באָרד אוו דיירעקטאָרס נעמען בעלסקי׳ן אויף אַ פאַרהער

ויהי היום, די ״באָרד אָוו דיירעקטאָרס״ האָבן זיך דערוואוסט וואָס דער גנב-בעלסקי האָט שוין ווייטער אָפּגעטוען. די ״באָרד״ איז זיך צונויפגעקומען, מ׳האָט גלאָזט רופן גנב-בעלסקי און אים געפרעגט מה זה ועל מה זה??? בעלסקי האָט אָנגעהויבן צו קעקעצען און זיך פאַרענטפערן אַז דער זיגל מיינט גאָרנישט ״תורה ודעת״! (פרעגטס אים, וועלכע דען ״כולל און ישיבה״ באַדייט דער זיגל אַז נישט ״תורה ודעת״ דאָרט ווי ער איז איינגעשטעלט? און טאָמער ווייטער טענה׳ט ער, אַז ער פאַרמאָגט אַן אייגענער ״כולל״ און ״ישיבה״, אויב אַזוי, קען ער אונז אפשר ווייזן ווי דאָס געפינט זיך אויפ׳ן מאַפּ? ער קען דאָך ״אָסטראָלאָגיע״ איז מן הסתם זעט ער עס אויף די שטערן). די ״באָרד״ הערנדיג די לעכערליכע אויסרייד האָט זיך אַפילו מיט אים נישט געוואָלט אויס׳טענה׳ן, אַנשטאָט, האָבן זיי אים קורץ און שאַרף געזאָגט ״יאָ יאָ, מיר פאַרשטייען וואָס דו זאָגסט, אָבער מיר ווילן דאָס מער נישט און געענדיגט!״ ווי מיר

הערן זעט מען טאַקע מער נישט לעצטענס דעם זיגל (זע קאָפּי פונעם זיגל).

## בעלסקי רופט זיך ווייטער ראש בית דין — די הנהלה גיט אַרויס אַ בריוו קעגען אים

אַ צייט שפּעטער האָט בעלסקי ווידער אָפּגעטועט פאַר איינעם אַ מעשה נבלה, פאַררופנדיג און באַנוצנדיג זיך מיט זיין זעלבסט געקרוינטן (דאָס מאָל אָבער אָן דעם זיגל) טיטל "ראש בית דין", אַזוי אַז יענער זאָל מיינען אַז ער איז טאַקע דער עמטליכע אויפגענומענע "ראש בית דין" פון "תורה ודעת". ווען דער בעל דין אָבער האָט זיך געוואָנדן צום אָפיס פון ישיבה תורה ודעת בנוגע דעם ענין, איז די הנהלה שוין פשוט אַרויס פון די כלים. דאָס מאָל האָט די הנהלה מחליט געווען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, על אַפּו ועל חמתו פון דעם גס רוח בעלסקי, אַרויס צוגעבן אַ בריוו, און דערביי לאָזן וויסן פאַר אַנדערע אַז די ישיבה תורה ודעת פאַרמאָגט "נישט" און האָט "קיין שייכות נישט" מיט קיין "שום בית דין". דאַן האָט דער בעלסקי שוין באַקומען דעם מעסעדזש אַז עד כאן אומרים! (זע קאָפּי פון דעם "תורה ודעת" בריוו). אַזוי גייען די מעשות ווייטער און ווייטער ווי די האָר פון קאָפּ שטעלן זיך אויף.

## איך בין שוין גאָרנישט טויב — און דער בעלסקי איז משוגע צום טויט!!!

מיר וועלן דאָ באַריכטן נאָך איין מעשה וואָס מיט דעם וועט איר שוין קלאָר פאַרשטיין דעם מהות פון דעם ביליגן איש

בליעל בעלסקי, און נאָכדעם וועט איר דן זיין צו זאָל ער טאַקע זיין אַ "ראש ישיבה" צו זאָל ער גיין "רייניגן די גאַסן". די מעשה איז נישט קיין לאַנגע און דאָס מוזט איר וויסן!

אַ געוויסער איד האָט אָנגערופן בעלסקי'ן זיך אַדורך שמוסען אַ געוויסע ענין. אַזוי שמועסנדיג איז עפּעס אויסגעקומען פאַר בעלסקי צו דערציילן פאַר יענעם איד וועגן אַ שמועס וואָס ער [בעלסקי] אַליין האָט אַמאָל געהאַט מיט אַ געוויסע פרוי. אויף איינמאָל הערט דער איד ווי דער צעדרייטער בעלסקי חזר'ט איבער די ווערטער וואָס די יעניגע פרוי האָט אים דעמאָלט געזאָגט, דערביי אָבער אויך "נאָכשפּעטנדיג" יענע פרוי ווי אַזוי די האָט דעמאָלט גערעדט. דער איד האָט נישט געגלייבט וואָס ער הערט. "איז דער בעלסקי אַראפּ פון זינען צו בין איך טויב!?!" זאָגט ער צו זיך אַליין. אַזוי נישט גלייבנדיגערהייט, הערט ער אָבער דעם צעדרייטען בעלסקי ווי ער איז ווייטער ממשיך נאָכשפּעטן די פרוי! "איך בין שוין גאָרנישט טויב, און דער בעלסקי איז משוגע צום טויט!", האָט דער איד שוין ענדליך מחליט געווען. דער איד האָט ווייטער צוגעענדיגט דעם שמועס מיט בעלסקי און אים געוואונטשן "אַל די בעסט".

## דער טעיפ פון דער מטורף בעלסקי ווערט צעשפּרייט

דעם איד'ס "ענסערונג מאַשין" איז גראַדע דאַן געווען אָפען בשעת דער שמועס מיט'ן "דיין הגדול בעלסקי" איז אָנגעגאַנגען. דאָס מאַשינדל האָט געמאַכט אַן "עקסעלענט דזשאָב" און שיין קלאָר אַלעס אויפגעכאַפּט. דער איד האָט אַסאַך נישט געשוינט דעם משוגע'נעם, האָט געמאַכט נאָך און

גענוג קאַפּיס פון דעם טעיפּ און אַוועק געשענקט די "ווערטפולע מתנה" פאַר רבנים, ראשי ישיבות און עטליכע בתי דין, כדי זיי צו געבן דעם געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן און זיך באקענען וואָס און ווער דער "בעלסקי" איז. ווען איינער פון די פּראָמינענטע דיינים פונעם בית דין מכון הוראה האָט אויסגעהערט דעם טעיפּ האָט ער זיך אויסגעדריקט, "איך האָב געוואוסט אַז דער מענטש איז נישט אין אָרדענונג, אָבער אַזוי נידריג צו זיין דאָס האָב איך שוין נישט געגלייבט!" (יעצט גלייבט ער שוין!), (די רעדאַקציע האָט זיך גאָרנישט געראָכטן אויף אַזאַ מציאה און האָט אויך נישט לאַנג צוריק געהאַט דעם זכות צו באַקומען אַ קאָפּי פון דעם טעיפּ. די רעדאַקציע האָט דעם טעיפּ אַליין געהערט און האָט אויך קלאָר מברר געווען דעם אַטענטיקעט פון דעם טעיפּ).

יעצט זאָגט איר! שוין אָפּגערעדט פון ווערן אַ ראש ישיבה, - פּירט זיך דען אַפילו אַזוי אויף כאָטש וועלכע מענטש מיט אַביסל ערנסטקייט??? אַ גאַסן יונג פירט זיך דאָך אַזוי אויף!!! און דער עיקר קשיא איז: אַזאַ פּאַרשוין האַלט "ישיבה תורה ודעת" "בכלל" פאַר אַן איינגעשטעלטע און "בפרט" צו זאָגן אַ שיעור גמרא פאַר בחורים??? בתמי'!

## נאָך דאָס אויך?

אַ וואָרט פאַר בעלסקי: "די גאַסן רייניגן וועסטו דאָך אַוודאי נישט ווייל ס'דאָך נישט לפי כבודך, אָבער די מויל דיינע אויסצורייניגן דאָס מעגסטו אַוודאי!" הגם לדידן איז גאָרנישט קשה די גאַנצע מעשה, ווייל אַז מ'האַלט שוין ביי גניבה, גזילה,

כפירה, מסירה, וכו׳ וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט שוין דען, דאָס נאָכשפּעטן פרעמדע פרויען?

## נאָך וועגן דעם רויטן עשו הרשע

באמת האָבן מיר נאָכמער וואָס צו שרייבן פון דעם עשו בעלסקי בנוגע דעם לעצטן ענין, און מיר האַלטן באמת אַז מ׳וואָלט עס באַדאַרפט מפרסם צו זיין ברבים, בפרט פאַר אַזעלכע מענטשן (די חרד׳ישע רבנים ווייסן שוין ב״ה ווער דער ניקס איז) וואָס מיינען נאָך ליידער אַז דער בעלסקי האָט אין זיך עפּעס אַן אינהאַלט, און ווייסן אָבער לגמרי נישט דעם אמת אַז דער פאַרשוין איז נישט מער ווי אַ הויכער רויטער עשו, און האָט קיין שום קשר נישט מיט׳ן צד הקדושה, אף על פי כן - צוליב פאַרשטענדליכע סיבות - האָבן מיר איינגעזען אַז עס איז נישט אין די ראַמען פון אונזער ירחון דאָס ריכטיגע פלאַץ צו שרייבן פון די ענינים בבחינת ״אין דורשין וכו׳ בשלשה וכו״, וד״ל.

## לא לחינם הלך העורב אצל הזרזיר אלא מפני שהוא מינו

אַדאַתינן להכא, קענט איר שוין גוט פאַרשטיין פאַרוואָס גינזבערג-גנב מיט׳ן מנובל ארי׳ רלב״ג - (הגם גינזבערג אין די יונגע יאָרן איז גאָרנישט געווען אונטערשטעליג אין דעם לעצטן דערמאַנטן ענין מיט וואָס מיר באַטיטלען רלב״ג. עס לעבן נאָך געגונג אידן וואָס געדענקן גוט די ״נישט שיינע מעשות״ וואָס האָט זיך דאַן אָפּגעטוען צווישן אים און זיין קרובה! מיר קענען דא נישט אַרויסברענגען אַלע פאַקטן איבער די דאָזיגע טעמע ווייל דער ירחון קומט דאָך אויך אַריין אין די הענט פון קינדער.

עם כל זה, אויב וועלן מיר נישט האָבן קיין ברירה וועלן מיר שוין טרעפן אַ וועג מגלה צו זיין די מעשות אויך! הערשל גינזבערג איז נישט נעכטן געבוירן, און ער ווייסט שוין איינמאָל וואָס מיר מיינען, און מיר מיינען שוין איינמאָל דאָס וואָס ער ווייסט!) - זענען געגאַנגען מקבל מרות זיין פון בעלסקי׳ן און אים אויפנעמען אַלס ״ראש וקצין״ פון זייער מאַפיאַ פאַראיין, ווייל ״לא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב״! און ווייטער בעלסקי מצדו דערזעענדיג אַז ישיבה תורה ודעת וויל אים נישט קרוינען אַלס ״דיין הגדול״, האָט ער גערן אָנגענומען דעם ״שיינעם״ כיבוד פון ווערן אַ פשוט׳ער איינפאכער ריש בריוני און מאַפיאַנער! אַז נישט געלט מיט כבוד, זאָל כאָטש זיין געלט אַליין!

## ווער איז ראש בית דין אין די אגודת הרבנים — מאַפיאַ קלוב!!!

ווען מיר זאָגן דער ״ראש וקצין״ מיינען מיר נישט צו זאָגן אַז זיי האָבן אויפגענומען בעלסקי און רופן אים אָן (כאָטש לפנים) ״ראש בית דין״, ניין! בכלל נישט! דעם טיטל האָט בעלסקי אַפילו ביי זיי, די גנבים אויך נישט באַקומען (הגם ביי דעם היינטיג׳ן אַזויגערופענעם ״אַגודת הרבנים״ וואָלט זייער געפאַסט אויפצונעמען בעלסקי פאַר ״זייער״ ראש בית דין). די דאָזיגע ״מאפיא קלוב״ וויל דייקא נישט אויפנעמען אַ ״ראש בית דין״, ווייל אַזוי קען מען דאָך גרינגער אָפטוען כל מיני שווינדלערייען און שגץ שטיק, און ווען איינער ווערט חלילה באַרויבט און באַ׳גזל׳ט דורך די באַנדיטן און קומט נאָכדעם

צוגיין און פרעגט זיי, "היתכן איר באַ'עוול'ט מיך?" דאַן קען יעדער פון זיי אָנווייזן מיט'ן פינגער אויפ'ן צווייטן אַז "יענער האָט עס געטועןֹ!", "יענער האָט עס געשריבן!", "יענער האָט עס געזאָגט!", און "איך ווייס נעבעך פון גאָרנישט!".

אָבער! הגם קיין ראש בית דין איז טאַקע נישט דאָ, פאַרשטייט דאָך אָבער יעדער אַז אַ "מאַפיא קלאָב" כדי עס זאָל עקזיסטירן דאַרף עס האָבן אַ "מאַפיאַ באָס" וואָס טוט זיין אַרבעט אינטערוויילאַכטס, און וואָס על פיו יבאו ועל פיו יצאו! ואשר על כן, האָבן זיי פאַר דעם פאָסטן אַריינגענומען בעלסקי אין זייער "מאַפיאַ פאַראיין", וואָס לויט ווי מיר האָבן שוין אַראָפגעגעבן, אים מיט זיינע "מעלות", פאַרשטייט מען גוט אַז ער איז אַ יחיד במינו אין דעם פעלד וואָס איז זייער געאייניגט פאַר דעם זשאַב.

## וועלכען רב קען מען פרעגן וועגן אָסטראָנאָמיע מיט אָסטראָלאָגיע?

אַלזאָ, דער סך הכל איז אזוי: איר זאָלט געדענקען און צו קענטיס נעמען, אַז בעלסקי איז אַ "קענער" און אַ "געלערענטער", און דאָס נעמען מיר נישט אַוועק פון אים - ממילא, אויב האָט איר עפעס אַ שאַלה בנוגע "אָסטראָנאָמיע" אָדער "אָסטראָלאָגיע", דאַן אויב עס שטערט אייך נישט קענט איר אָנפרעגן בעלסקי'ן, ער וועט אייך מעגליך קענען ענטפערן אויף אייערע שאַלות בנוגע די לבנה מיט די שטערן א.א.וו. אָבער געדענקט אַז עד כאן! ווייל טאָמער וועט איר גיין איין שריט ווייטער און אים בעטן הילף פאַר אייערע פריוואטע

ענינים, אָדער בנוגע אַ דין תורה, דאַן וועט איר זיך אַליין טרעפן מיט די שטערן!

מיר האָבן שוין פריער געשריבן אַז די היינטיגע אַזוי גערופענער "אַגודת הרבנים" פאַרמאָגט בכלל נישט קיין ראש בית דין. אשר על כן, ווילן מיר אַביסל מער אויספירלעך באַריכטן איבער דעם נקודה. מיר וועלן נישט צופיל מאריך זיין אין דעם, אָבער מיר וועלן אייך בלויז דערציילן אַ געשיכטע וואָס האָט זיך אָפגעשפילט נישט לאַנג צוריק, וועט איר שוין פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט, און וואָס פאַר אַ פנים עס האָט די "אגודת הרבנים".

עס האָט זיך געטוען איבער אַ געוויסע נושא וואָס אַסאַך וועלן וויסן פון וואָס מיר רעדן, מיר ווילן אָבער נישט דאָ אַריין גיין אין די פּרטים פון דעם ענין צוליב פאַרשידענע סיבות, און בפרט אַז דער עצם נושא איז נישט נוגע דעם נקודה וואָס מיר ווילן דאָ אַרויסברענגען.

## מעשה שהיה מיט די אַזוינערופענע אגודת הרבנים

אָט ווי פאלגנד גייט דער געשיכטע: עס זענען געווען אַ גרופּע מענטשן נישט פון אונזער היימישע קרייזן, וועלכע האָבן אָנגעפרעגט די "אגודת הרבנים" אַ געוויסע "חוות דעת" איבער אַ געוויסע ענין. די וואָס האָבן אָנגעפרעגט די שאלה האָבן פאַרשטייט זיך געמיינט אַז די "אגודת הרבנים" איז עפּעס אַ פאַרנעם, און ממילא האָבן זיי זיך איינגערעדט אַז אויב וועלן זיי האבן דעם "חוות דעת" פונעם "אגודת הרבנים" אין דעם געוויסן נושא דאַן וועלן זיי האָבן עפּעס אין דער האַנט.

## ווער איז דער הויפט פון די אגודת הרבנים קלוב — ווי אַזוי ווערט מען אַ ראש?

פאַר די ליינערס וואָס וויסן פון וועמען מיר רעדן, ווילן מיר דאָ קלאָר אַרויסשרייבן, אַז מיר מיינען דאָ נישט חוזק צו מאַכן פון יענע גרופע (די אָנפרעגערס) וואָס ווייסן נעבעך נישט בעסער און פון ווי זאָלן זיי וויסן בעסער? זיי ווייסן דאָך נישט אַז די "אַגודת הרבנים" איז היינט אינגאַנצן אויסגעשפילט, און עס באַשטייט בלויז פון אַ "מושב לצים".

בקיצור, ווי אַזוי ס'זאָל נישט זיין איז אויסגעקומען אַז די ערשטע צו וועמען די שאלה איז אָנגעקומען אינעם "אַגודת הרבנים קלוב" איז געווען דער באוואוסטער מנובל ארי' רלב"ג. ווען ארי' רלב"ג האָט געזען אַז די שאלה איז צו אים אָנגעקומען האָט ער צו זיך געקלערט אַז יעצט האָט ער אַ געלעגנהייט צו באַקומען אַביסל כבוד, דהיינו ער וועט נעמען די "לעטערהעד" פון די "אגודת הרבנים", ער וועט בכתב ענטפערן אויף די אַזויגערופענע "וויכטיגע" שאַלה וואָס מ'האָט אָנגעפרעגט, ער וועט זיך אונטער שרייבן זיין נאָמען, און די יעניגע וועלן דאָך מיינען אַז ער איז דער וואָס פאַרטרעט די "אגודת הרבנים" אין אַלע אָנגעלעגנהייטן, און ווי אויך וועלן זיי מיינען אַז זיין "חוות דעת" טוט רעפרעזענטירן די חוות דעת פון דעם מכלומר'שטע וויכטיגע אָרגאַניזאַציע, די "אַגודת הרבנים"!

באַשלאָסן און געטוען! רלב"ג האָט צו זיי שנעל געשיקט אַ תשובה בכתב, די מתן שכר וואָס יענע האָבן באַצאָלט איז גלייך צו אים אין טאַש אַריין, און פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ האָט ער

געטועון אָן לאזן וויסן פאַר די אַנדערע פאָר "פאַרטנערס" אינעם קלוב! ווייטער די יעניגע וואָס האָבן דערהאַלטן די "תשובת הרמה" פון ראַביי רלב"ג זענען העכסט צופרידן געוועןן, ווייל וואָס פאַראַ נפקא מינה איז עס זיי "ווער ס'האָט עס געשריבן", אַז מ'האָט אַ חוות דעת פון די "אגודת הרבנים" איז "מה טוב ומה נעים" און געענדיגט!

אָבער רלב"ג'ס "פאַרטנערס" איז עס שוין איין מאל געוועזן אַ נפקא מינה, און ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט וויאַזוי זייער אייגענע מאפיא מעמבער האָט זיי גוט אויסגעשפילט, זענען זיי גוט אויפגערעגט געווארן אויף אים, און באלד האָט חיים קרויס - אויך א מעמבער אינעם קלוב - אָנגעשריבן אַ בריוו בנוגע דעם ענין צו אַ געוויסן רב, און ער שרייבט ווי פאלגנד:

**"לכבוד הרה"ג... היות שנתפרסם בשם אגודת הרבנים... ונשאלתי אם זה באמת דעת כל הבי"ד ראיתי לנחוץ לכתוב שאני לא נשאלתי משום אחד לחוות עניות דעתי... וממילא לא נתתי פסק בנוגע לזה, ודברתי גם עם הדיין רב אלימלך לעבאוויטש שליט"א, וגם הוא אמר שלא נשאל וממילא לא פסק".**

**אויף אידיש:**

"היות עס איז מפורסם געוואָרן אין נאָמען פון דעם אגודת הרבנים... און מ'האָט מיך געפרעגט צו איז דאָס טאַקע באמת דער מיינונג פונעם גאַנצן בית דין, האָב איך געזען פאַר וויכטיג צושרייבן <u>אַז מיך האָט קיינער קיינמאָל נישט געפרעגט צו זאָגן מיין חוות דעת...</u> און ממילא האָב איך נישט געגעבן קיין פסק

בנוגע דעם ענין. איך האָב אויך גערעדט מיט'ן דיין רב אלימלך לעבאוויטש שליט"א און ער האָט אויך געזאָגט אַז מ'האָט אים נישט געפרעגט און ממילא האָט ער נישט גע'פסק'נט". (ביז דאַן זענען מיר דאָ אַז עס האַנדלט זיך איבער אַ בריוו וואָס איז נתפרסם געוואָרן אין נאָמען פונעם "אגודת הרבנים", און זייער אייגענע מעמבערס שרייען, "מיך האָט מען נישט געפרעגט", "יענעם האָט מען נישט געפרעגט"! בקיצור זיי שרייען אַליין אַז זייערע פסקים וכדומה זענען איין שטיק בלאָף און לא דובין ולא יער!)

## איז דא אין די אגודת הרבנים אַ ראש בית דין

יעצט שרייבט ער ווייטער אינעם בריוו "**ויתכן שאחד מהדיינים צידד... לצד אחד אבל היות שמפטירת הגאון הגדול הרב משה זצ"ל אין שם ראש בית דין שדעתו בכח להכריע נגד כמה וכמה, ואין הכי נמי כל דיין מהאגודת הרבנים הוא רב גדול בפסק מכל מקום דעתו הוא דעת עצמו ולא דעת שאר חברי הבית דין עד שגם הם יסכומו ויחתמו.**"

**אויף אידיש:** "עס קען זיין אַז איינער פון די דיינים האָבן מצדד געווען איינזייטיג, אָבער וויבאַלד פון נאָך די פטירה פון הגאון הגדול הרב משה זצ"ל איז דאָרט נישט פאַראַן קיין ראש בית דין וואָס האָט דער כח מיט זיין דעת, מכריע צו זיין אַקעגן פיל פיל אנדערע, און, אין הכי נמי, יעדער דיין פון די אגודת הרבנים איז אַ גרויסע רב אין פסק, פונדעסטוועגן איז זיין דעת

אַן אייגענע דעת און נישט דער דעת פון די אַנדערע מעמבערס פונעם בית דין, ביז, זיי וועלן אויך מסכים זיין און חתמ׳נן.״

קרויס האָט שוין אַליין פאַרציילט פאַר עטליכע מענטשן אַז ער האָט געמיינט נישט קיין אַנדערע נאָר טאַקע רלב״ג אַליין. (דער רעדאַקציע ווייס בכלל מער איינצלהייטן איבער די מעשה און מיר ווייסן סייווי אַז ער מיינט דעם בעל גאוה רלב״ג). ווי אויך זעט זיך אויס אַז קרויס אַליין איז טאַקע דער ריכטיגע מבין אויף דעם פאַרשטינקענעם מנובל-בעל גאַוה ארי׳ רלב״ג, וואָס רעדט זיך איין אַז ער איז אַזוי גרויס ווי ר׳ משה זצ״ל, וואָס ״אויך ער״ אַליין רלב״ג קען מכריע זיין נגד כמה וכמה, כאָטש יעדער האַלט אַנדערש פון אים, און ווי קרויס אַליין באַדייט דאָס זייער קלאָר אין זיין בריוו. מאידך גיסא פאַרשטייט אָבער קרויס אַז אַ שטעקן האָט צוויי עקן, און טאָמער וועט ער מגלה זיין ברבים ווער דער רלב״ג איז און וואָס פאַראַ פנים עס האָט די ״אגודת הרבנים״, דאַן איז ער קרויס אַליין - אויך זייענדיג אַ מעמבער אין די ״אַגודת הרבנים״ - אויך אַ פערטיגע און אויס קאפעליטש מאַכער, ואשר על כן, נאָך ווי קרויס האָט שוין באַוואַשן רלב״ג ווי אַ סוטה און שרייבט ברבים וואָס פאַר אַ בעל גאַוה ער איז, פראָבירט ער צו טאַנצן אויפ׳ן צווייטן זייט און שרייבט צו אינעם בריוו, אַז ״אין הכי נמי, יעדער דיין פון די אַגודת הרבנים איז אַ גרויסער רב אין פסק״, אַזוי אַרום צו פאַרוואַסערן וואָס ער האָט ערשט יעצט געענדיגט שרייבן וואָס פאַר אַ פנים די ״אַגודת הרבנים״ האָט, און וואָס פאַראַ ״שפלי ברך״ די אַגודת הרבנים פאַרמאָגט. ווי אַזוי עס זאָל נאָר זיין,

זאָגן זיי אַליין אָן בושה אַז אין דער "אַגודת הרבנים" "איז שם ראש בית דין"!

## די היינטיגע בתי דינים ווי אַ שיף אָן אַ רודער

און אויב דאָס איז נישט גענוג, שרייבט נאָך קרויס צו צום סוף (נאָכדעם וואָס ער חתמ'ט זיך) אָן הג"ה, אַז ער האָט טאַקע "אַליין" אַזוי אויך געהערט פון "גינזבערג", אַז אין דער "אַגודת הרבנים" איז נישט דאָ קיין ראש בית דין! איר הערט דעם חכם פון דער מה נשתנה? ס'נישט גענוג געווען וואָס ער האָט עס שוין איינמאָל דערמאַנט אינעם בריוו, קומט דער חכם צו גיין און וויל מקיים זיין דעם מאַמר חז"ל, "האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" חזר'ט ער איבער נאָכאַמאָל, אַז "אַפילו גינזבערג-גנב" אַליין האָט אויך אַזוי געזאָגט, כדי טאָמער איינער וועט נישט גלייבן קרויס אויפ'ן וואָרט אַז "אַגודת הרבנים" איז אויסגעשפילט און פאַרמאָגט אַפילו נישט קיין ראש בית דין זאָל מען וויסן אַז אַפילו גנב-גינזבערג זאָגט אויך אויף דעם עדות!

בקיצור נמרץ, זייערע אייגענע מעמבערס שרייען אַז די "אַגודת הרבנים" איז ווי אַ שיף אָן אַ רודער, אָן אַ ראש בית דין, און מיר לייגן רואיגערהייט צו, אַז ס'איז בכלל נישט קיין בית דין, נאָר אַ פשוט'ע "ביזנעס קלוב" פאַר אַ פאָר ליצנים און גענגסטערס!

קרויס אליין, איז אויך אַ באַנדיט פון די ערשטער קלאַס. ער האָט שוין מערערע מאָל מודה געווען פאַר אַנדערע אַז ער ווייס גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ שגץ און מנובל דער אַרי' רלב"ג איז,

אָבער נאָך אַלעם צוליב אַ פּאָר דאָלער זיצט ער נאָך אַלץ מיט אים און העלפט אים גאָר אויספירן זיינע שגץ שטיק.

## פאַר 30 אלפים זענען זיי מבטל דעם ״חרם דרבינו גרשון״

און יעצט חשוב׳ע ליינער וואָלטן מיר געוואָלט טאַקע ארומרעדן איבער דעם נושא פון היתר מאה רבנים - וועלכע מיר האָבן אָט פריער דערמאַנט - וואָס עס פירט אָן דער געפערליכע משחית אַרי׳ רלב״ג. מיר האָבן שוין פריער באַשריבן דעם משחית רלב״ג, ווי אַזוי ער האָט שוין אומגליקליך געמאַכט אומצאָליגע פרויען, וואָס ווען דער מאַן גייט אחר שרירות לבו און וויל האָבן אַ צווייטן ווייב (פשוטו כמשמעו), דאַרף ער אַפילו נישט מזמין זיין די פרוי לדין כדי מ׳זאָל אויך אויסהערן אירע טענות, נאר ער דאַרף פשוט אַריינלייגן אין אַן ענוועלאָפּ אַ סכום געלט, אַ מינימום פון $30,000.00, עס פארקלעבן און עס איבערגעבן פאַר דעם מושחת רלב״ג, און דאַן גיט רלב״ג יענעם דעם ״זכות״ אַליין צו ווערן אַ מושחת, און עובר זיין בפרהסיא אויפ׳ן חרם דרבינו גרשום מאור הגולה, און דאָס אַלץ בשעת ווען אין דער זעלבע צייט פאַרגיסט ער אידיש בלוט פון אַ בת ישראל אָן קיין שום רחמנות. און פאַרוואָס? ווייל דער מאַן וואָס זיכט דעם היתר איז אַ מנובל און אַ מושחת ווי ער רלב״ג אַליין איז, דער מאַן האָט גענוג געלט צו באַצאָלן רלב״ג׳ן, און רלב״ג ווייטער האָט דאָך ביי זיך אין לעדל ״לעטערהעדס״ וואָס דערויף שטייט ״אַגודת הרבנים״ און געענדיגט! מיר טוען קיין פינטעלע נישט מגזם זיין וואָס דער משחית-מנובל-רלב״ג טוט

אַלץ אָפּ, נאָר פשוטו כמשמעו, "דער מענטש גלייבט אין גאָרנישט און אַוודאי נישט בשכר ועונש" און טוט וואָס ער וויל.

אַ גדול בישראל וועלנדיג אַראָפּגעבן וואָס פאַראַ "מאָנסטער" און "משחית" דער רלב"ג איז, און ווי אַזוי ער זיצט נאָך ביים רעדל און טוט כל מה שלבו חפץ, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער רלב"ג קומט אים פאָר ווי דער אַשמדאי דער קעניג פון די שדים, וואָס האָט פאַרטריבן שלמה המלך, און אַזוי זיצנדיג אויפ'ן שטיל האָט ער אָפּגעטועין וואָס ער האָט נאָר געוואָלט השם ישמרינו. דער גדול האָט נישט געמאַכט קיין ליצנות נאָר טרערן זענען אים געקומען פון די אויגן ווען ער האָט עס געזאָגט. דער נמשל איז זייער פשוט, די אַגודת הרבנים איז אַמאָל געווען לשם ולתפארת ווען עס האָט געהאַט אונטער זיך אמת'ע גדולי ישראל און בראשם ר' משה זצ"ל, און ווער געדענקט דען נישט דעם ווייטאָג און קלאַפּ וואָס כלל ישראל האָט דאַן געליטן ווען ר' משה איז אַוועק געריסן געוואָרן פון אונז, און דאָ קומט זיך צו גיין אַ מושחת ממש ווי אַ שד (צו טאַקע אַ שד) און איז זיך משתמש "בשרביט של גדולים" מיט דעם אַמאָליג'ן פרעסטטושפולן נאָמען "אַגודת הרבנים", און טוט אָפּ כל מיני תועבות שבעולם און מאַכט אומגליקליך אחינו בני ישראל, ה' ישמרינו ויצילנו.

## דער קל שבקלים — רלב"ג

פון זיינע אייגענע חברים וואָס האָבן געלערנט צוזאַמען מיט אים אין "ישיבת חברון" אין ירושלים האָבן מיר געהערט פון זיי זאָגן, "מיר געדענקן אים נאָך גוט פון די יונגע יאָרן, אַ גוטן קאָפּ

האָט ער טאַקע געהאַט, אָבער קיין גרויסע חכם איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט גע׳פגר׳ט נאָך כבוד און געלד, און דערצו איז ער געווען אַזאַ קל שבקלים וואָס אין דעם האָט אים קיינער נישט געקענט איבערשטייגן״. (הג״ה: טאַקע אַן עילוי), און איר קענט אייך טאַקע דאָס אַליין איבערצייגן מיט דעם וואָס די עסן פראָדוקטן וואָס האָבן אויף זיך רלב״ג׳ס אַזויגערופענע השגחה אַ "TRIANGLE K" וועט קיין שום ערליכע איד נישט אַריין נעמען אין מויל אַריין! נאָכמער, די היימישע געשעפטן ווילן אַפילו נישט אַז זיינע פראָדוקטן זאָלן בכלל ליגן אויף זייערע פאָליצעס.

## רלב״ג שרייט געלט - געלט - געלט

די אייגענע מעמבערס פון דעם ״יאָנג איזרעיל סיניגאָג אָוו עוועניו K האבן שוין מערערע מאָל פּראָבירט אַרויס צו וואַרפן רלב״ג׳ן פון זייער סיניגאָג. זיי טענה׳ן אַז ער איז נישט מרוצה לקהל און זיי קענען נישט פאַרנעמען זיין גאווה, ער איז אַ גאַנצע טאָג פאַרנומען נאָר מיט געלט, געלט, געלט, און קוקט זיך נישט אום אויפ׳ן געברויך פונעם ציבור. ס׳איז געגאַנגען עד כדי כך אַז די מתפללים האָבן אים געקלאָגט אין קאָרט (אַז זייער רב איז מתיר ערכאות, נו פאַרוואָזשע טאָרן זיי נישט גיין לערכאות). דער סוף איז אָבער געווען אַז זיין חבר מענדל עפשטיין שר״י האָט אים אונטער געשיקט מענטשן וואָס אָפיציעל זענען זיי געוואָרן איינגעשריבן אַלץ מעמבערס פון יאָנג איזרעיל, אַזוי אַז פון אַ לעגאַלן שטאַנדפונקט איז שווער געווען פטור צו ווערן פון אים, ווייל אויף די ביכער האָט עס געהייסן אַז רוב

מעמבערס ווילן אים יאָ אַלץ רב, כאָטשיג די אמת׳ע מתפללים האָבן איינס ביי איינס אים געוואַלט אָפּ׳פטר׳ן.

## אַ מורא׳דיגע געשיכטע פון דעם זייפן רלב״ג מיט זיינע טריפה׳נע גיטין און אַזויגערופענע ״היתר מאה רבנים׳ס״

מיר האָבן שוין באַריכטעט וועגן רלב״ג מיט זיינע אַזויגערופענע ״היתר מאָה רבנים׳ס״ און ״טריפה׳נע גיטין״, און ווי די ״התאַחדות הרבנים״ רופט אים אָן אַ ״זייפן״ און שרייבן אויסדריקליך אַז מ׳דאַרף זיך פון אים היטן ווייל ער איז מרבה ממזרים בישראל רח״ל. און אָט וועלן מיר אייך דערציילן אַ ״מעשה רב״ וואָס דער מנובל מיט זיין קלוב האָבן נישט לאַנג צוריק אָפּגעטוען:

אַ מאַן און ווייב וועלכע האָבן אַ שטוב מיט 9 קינדער האָבן זיך צעשייד השם ישמרינו. דער מאַן האָט געוואָלט האָבן - ווי מ׳רופט עס אינעם פאַרדאָרבענע אַמעריקא - ״עי טשעינדזש אָוו לייף״, שוין נמאס געוואָרן מיטן ערשטן ווייב, 9 קינדער איז אים שוין גענוג געווען, און אַצינד וועט מען ״ספענדן״ די ״לייף״ מיט אַ צווייטן. וואָס איז דען שלעכט מיט דעם?? און פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ לעבן איז טאַקע גאָרנישט שלעכט! איר ווייסט אָבער פאַר ווען?? פאַר אַלע גוים געזאָגט! ביי אידישע קינדער אין אַלע דורות האָט מען קיינמאָל נישט געהערט אַזוינס, אַז אויף איינמאָל כאַפּט מען זיך אויף און מ׳זאָגט, ״איי ניד עי טשעינדזש״, און מ׳לאָזט איבער אַן לעבעדיגע אַלמנה מיט 9 קינדער פאַרדעם ווייל ער דאַרף אַ צווייטן. ולא זו בלבד, נאָר עס שטייען נאָך צו מכלומר׳שטע

״רבנים״ וואָס פאַר׳ן ריכטיגן פרייז העלפן זיי נאָך צו, צו די מעשה נאיפה רח״ל.

פאַרשטייט זיך אָבער אַז דער מאַן האָט דאָך אויך געוואָלט האָבן אַ פנים פאַר די וועלט, איז ער אַרומגעלאָפן פון איין רב צום צווייטן און זיך באַקלאָגט אויפן ווייב יעדן טאָג מיט פרישע מעשות און ליגנט. (איר פאַרשטייט? נאָך 9 קינדער האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער וואָלט געקענט טוען אַ בעסערן שידוך).

## דער גערער רבי רופט צום אונגוואַרער רב שליט״א ער זאָל מסדר זיין דעם ענין

דער יונגערמאַן זעלבסט איז אַן אַמעריקאַנער אויפגעוואַקסענע און האַלט זיך נאָנט מיט ״גער״, וואָס אין די יונגע יאָרן האָבן זיי אים מקרב געווען. אינצווישן איז דער מאַן געווען אין גער אויף יו״ט, און ווי עס ווייזט אויס האָט דער גערער רבי שוין געהאַט געהערט פון אַנדערע וועגן זיין מצב. דער רבי האָט אים געלאָזט רופן און געכאַפּט אַ שמועס מיט אים וועגן דעם ענין. צום סוף ווען דער גערער רבי האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ גייט פאָר, האָט ער דעם מאַן מייעץ געווען אַז ער זאָל גיין צום אונגוואַרער רב שליט״א כדי מסדר צו זיין דעם ענין. אַזוי ווי דער אונגוואַרער רב פירט שוין מער נישט היינט קיין דין תורות, על כן האָט דער גערער רבי אָנגערופן דעם אונגוואַרער רב קיין אַמעריקא און אים מפציר געווען אַז ער זאָל זיך מזדקק זיין צו דעם ענין, ווייל ווי ער זעט, איז עס אַ פרשה וואָס אויף דעם דאַרף זיך אַריינלייגן דווקא אַ גדול בישראל.

דער אונגוואַרער רב האָט נישט געקענט אָפּזאָגן דעם גערער רבי כמובן, און האָט לסוף מסכים געווען צו טוען אין דעם ענין.

אלזא, דער יונגערמאַן איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקא און פאַרשטייט זיך אַז עס האָט אים נישט געפּאַסט נישט צו פאָלגן דעם רבי׳נס עצה. ויהי היום, דער מאַן צוזאַמען מיט׳ן ווייב זענען געקומען צום אונגוואַרער רב שליט״א און האָבן ביידע באַלד מקבל קנין געווען און גע׳חתמ׳ט שטרי ברורין. מ׳האָט באַשטימט אַ דאַטום ווען זיי זאָלן צוריקקומען אויף אַ דין תורה. דער אונגוואַרער רב האָט דערביי נאָך צוגעלייגט אַז אויב ווילן זיי, קען יעדער צד זיך אויך מיטברענגען אַן אייגענע בורר וואָס זאָל מהפך זיין בזכותם. בקיצור נמרץ, דער צייט צום דין תורה האָט זיך דערנענטערט און דער מאַן האָט זיך אויף איינמאל געכאַפּט אַז דאָ וועט ער נישט באַקומען דאָס וואָס זיין האַרץ גלוסט. דער אונגוואַרער רב וועט דאָך אים געוויס נישט מתיר זיין קיין חרם דרבינו גרשום בלויז פאַרדעם ווייל נתן עיניו באחרת! און אַזוי ווי ער האָט שוין געזען אַז ס׳וועט נישט פאָרן ווי ער וויל (ווייל פאָלגן דעם רבי וועט ער דאָך נאָר אויב עס געלונגט אים) האָט ער זיך באַרעכנט אַז עד כאן אומרים! ער האָט זיך אויסגעפּיפן אויף זיין אייגענעם רבי מיט׳ן שטרי ברורין אינאיינעם און זיך נישט באוויזן צום דין תורה. דער אונגוואַרער רב האָט געשיקט כתבי בקשות ואזהרות פאַר דעם מאַן אַז ער זאָל זיך שטעלן צו דין תורה, עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אויב דאָס איז נישט גענוג געווען האָט נאָך דער מאַן אויך אָנגעקלאָגט די פרוי בערכאות כדי איר צו דערגיין די יאָרן און אַזוי אַרום וועט זי באַין ברירה אפשר נעמען דעם גט.

## פאַר אַ פאָר דאָלער האָט ער שוין געהאַט אין טאַש אַ פאַלטשן היתר מאה רבנים

מיט אַ פאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך דער מאַן שוין געדרייט מיט אַ צווייטן, ביז ער איז אָנגעקומען צום מנובל און מושחת ארי' רלב"ג. דער מאַן וועלכער איז אַ פאַרמעגליכע האָט גוט באַ'שילמ'ט דעם רלב"ג, און ביז אַ וואָך צוויי - אָן קיין שום דין תורה און אָן אויסהערן אַ וואָרט וואָס די פרוי האָט צו זאגן - האָט ער שוין פאַר'ן מאַן דעם מנובל געהאַט גרייט אַ פאַרטיגע, אָן אַזויגערופענעם "היתר מאה רבנים".

## אונגוואַרער רב שליט"א גיט אַרויס אַ סירוב

גלייכצייטיג האָט דער אונגוואַרער רב שליט"א אַרויסגעגעבן אַ סירוב אַקעגן דעם מאַן ווי ער שרייבט אויף אים אַז ער איז אַ "מסרב לדין" און אַ "מרים יד בתורת משה", ווי אויך שרייבט דער אונגוואַרער רב בנוגע רלב"ג'ס היתר ווי פאלגנד: "והוא באיסורו ובחרמו של רבינו גרשום שלא לישא אשה על אשתו... והננו מבקש מהרבנים די בכל אתר ואתר שלא יתנו יד ח"ו להתיר חרם חמור שלא כדין, ולא לתפוס באיסור חרם ח"ו, ולא יעמדו לימין המרים יד בתורת משה." (**זע קאָפּי פונעם סירוב**) פאַרשטייט זיך אָבער אַז רלב"ג לאַכט זיך אויס פון אלעם, אַריינגערעכנט דעם רבינו גרשום מיט'ן שלחן ערוך אינאיינעם.

## דער יונגערמאן האָט חתונה אָן אַ גט רח״ל

סוף דבר האָט דער מאַן בשאט נפש עובר געווען אויפן חרם דרבינו גרשום רח״ל און האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. די פרוי זיצט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אינדערהיים און פאַרגיסט טייכן טרערן קלאָגנדיג אויף איר גורל, און דער רשע אַרי׳ רלב״ג זיצט ביי די דאָלאַרן און לאַכט זיך אויס. **יאָ חשוב׳ע לייענער צו דעם האָבן מיר זיך דערלעבט!**

## די ״(לא ) תרצח״ רע־בנים

די היינטיגע גרויסע רע-בנים האבן שוין עובר געווען די 9 דברות פון עשרת הדברות, אבער דעם ״תרצ״ח״ האבן זיי נאך נישט מקיים געווען. וואס האבן די רבנים געטוען? אלעס מוז דאך גיין על פי התורה מכלומר׳שט, זאגן זיי אזוי: עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג׳ ו׳) ואתם בני יעקב ״לא כליתם״, זיי האבן אוועקגענומען דעם ״לא״, איז געבליבן פון ״לא תרצח״ - ״תרצח״, און דארטן האלטן די רע-בנים. געהעריגע אויסגעשולטע רוצחים.

מיר ווילן אַצינד שרייבן איבער נאָך אַן ענין וואָס ווערט אַרויסברענגען פאַר׳ן ציבור ווער די באַנדיטן זענען. עס איז באַקאַנט ביים עולם דער ענין פון ״גט מעושה״. עס איז געוואָרן אַ נייע מאָדע וואָס פון צייט צו צייט כאַפּט מען יונגעלייט, מ׳פייניגט זיי באַכזריות כמעט בכדי להמית אויף כדי אַרויסצובאַקומען פון זיי אַן אַזויגערופענעם ״גט״, און נאָכדעם

טענה'ן די יעניגע אַז די פרוי איז שוין געג'גט און מיט דעם איז מען זיי מכלומר'שט מתיר לשוק רח"ל.

## עטליכע פרטים פון דעם "תרצח - מאַפיאַ אָרגאַניזאַציע"

מיר וועלן דאָ נישט דערציילן אַלע פרטים איבער וויאַזוי די דאָזיגע חברה (מאַפיאַ) אַרבעטן, עס איז נישט דאָ דער פלאַץ דערפאַר. פאַר דער וואָס וויל האָבן אַ שטיקל איבערבליק איבער די באַרבאַריסטישע טאַקטיקן וויאַזוי און מיט וואָס די באַנדיטן באַנוצן זיך, האָבן מיר דאָ צוגעשטעלט עטליכע בריוו וואָס עס האָט געשריבן הרב הגאון ר' אברהם ראַפּאָפּאָרט שליט"א איבער דעם נושא ומשם תבין.

(הרב ראפּאפּאָרט שליט"א איז דער אַלעמען באַקאַנטער תלמיד חכם און עוסק בצרכי ציבור, מלפנים אב"ד דבית המדרש הגדול ד'וואַשינגטאן הייטס, וואָס האָט אין שנת תשנ"א צוזאַמען געשטעלט די איבער זיבעציג רבנים פון גאַנץ נוא יאָרק, וואָס האָבן דעמאָלט שאַרף אַרויסגעטרעטן אַקעגן דעם נוא יאָרקער "גט לאו".)

## ויתערבו בגויים וילמדו מעשיהם

אַזוי אויך זענען מיר דאָ נישט אינטערסירט זיך אַריינצולאָזן איבער די פערזענליכע סכסוכים וואָס ס'איז נוגע צווישן מאַן און ווייב און דערביי געבן איינעם גערעכט איבערן צווייטן. מיר קענען אָבער יאָ מדגיש זיין, אַז ס'איז leider געוואָרן אַן אַפּעדעמיק דער ענין פון גירושין השם ישמרינו, און ס'איז מקוים געוואָרן דער "ויתערבו בגויים וילמדו מעשיהם", (וויאַזוי

זאָגט די וועלט? "וויאַזוי עס גוי'שט זיך אַזוי אידיש'ט זיך" וד"ל), בפרט טאַקע אין דעם הינזיכט, וואָס ביי די גוים איז עס געוואָרן אַ "סטייל" אַז יעדער צווייטער קאָפּל גט זיך. דער עולם איז שוין פשוט קראַנק צו הערן דערפון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, טאָג איין טאָג אויס, און בפרט היינט וואָס כמעט יעדער האָט זיך ליידער זיין אייגן פעקל צרות השם ישמרינו און זוכט נישט אויך יענעמס.

אגב מעגן מיר אויך דערמאָנען - און מיר האָבן דאָס שוין געהערט פון עטליכע חשוב'ע רבנים - אַז די מושחת'דיגע מזרחי'סטישע "זשואיש פרעס" צוזאַמען מיט עטליכע אַזויגערופענע "ראַביים" וואָס שטיצן דאָס, זיי זענען די וואָס האָבן צוגעפירט און אָנגעמאַכט אַזאַ ביטערע חורבן אין אונזערע היימישע קהילות, (צו איז דאָס בעניני אישות צו בכלל אין השקפה), בפרט דורך זייערע דעות כוזבות און אָפענע אַפיקורס'שע אָנשויאונגען און ס'איז ליידער אין פוצה פה ומצפצף.

אונזער ציל אַצינד, איז בלויז אַרויסצוברענגען די שווינדלערייען, שקרים און זיופים וואָס די אויבנדערמאַנטע "אָרטאָדאָקס-גענגסטער'ס יוניען אָוו די יונייטעד סטעיטס ענד קאַנאַדע" טוען אַלץ אָפּ פאַר געלט. און אַט וועלן מיר דאָ בקיצור נמרץ אייך דערציילן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטוען ביי איינע פון די אויבנדערמאַנטער גט מעושה סקאַנדאַלן.

## בעלסקי גנב־ גנב׳ט דעם לעדערהעד פון אגודת הרבנים ־ ער שטעלט צו צום לעדערהעד ־ אַ נייעם אַדרעס ־ הערט און שטוינט וואָס נאָך דער בעלסקי טוט!!!

דער צעדרייטער בעל גאַוה בעלסקי האָט זיך אָנגעגלוסט צו שיקן אַן הזמנה פאַר אַ געוויסן יונגערמאַן אויף דעם לעדערהעד פונעם ״אַגודת הרבנים״, כאָטשיג הערשל גינזבערג איז דער וואָס איז אָפיציעל ממונה אויף דעם. כדי דאָס אַדורכצופירן האָט ער צוגענומען מיט זיך נאָך צוויי ראַבייס בדומה לו, און אַלע דריי האָבן גע׳חתמ׳ט אויף די אַזויגערופענע הזמנה. נישט נאָר האָבן זיי גענוצט די ״אַגודת הרבנים״ לעדערהעד, נאָר אויך דער עצם תוכן וואָס זיי שרייבן דאָרט איז ממש לעכערליך. זיי סטראָשענען דעם יונגערמאַן אַז אויב קומט ער נישט צו ״זייער״ בית דין דאַן וועלן זיי פירן דעם דין תורה אָן אים! האָט איר שוין געהערט פון אַזעלכע גענגסטערס??? עס זענען דאָ צענדליגע בתי דינים מיט רבנים מובהקים אין נוא יאָרק אָבער דער יונגערמאַן מוז קומען צו ״זיי״! דאָס וואָס די גאַוה און משוגעת כאַפט זיי דאָס איז עס!

## מען שיקט אַן הזמנה מיט אַ פאַלטשן לעדערהעד און מיט אַ פאַלטשן אַדרעס ־ די אַדרעס איז אויף די לבנה

אויב דאָס איז נישט גענוג שרייבן זיי נאָך צו אין דעם מזויפ׳דיגע הזמנה אַז דער מכלומר׳שטע דין תורה וועט פאָרקומען ביי די ״אַגודת הרבנים״ אָנגעבנדיג אַן אַדרעס ערגעץ ווי אויף 1016 בעבערלי ראוד, ברוקלין. און פאַרשטייט זיך אַז

לא דובין ולא יער, די אַזויגערופענע אַגודת הרבנים האָט בכלל נישט אויף יענעם אַדרעס קיין אָפיס אָדער אַ בית דין שטיבל. (זע קאָפי פון הזמנה מיט'ן דאַטום כ"א כסלו תשנ"ו)

## מה נשתנה?

**פיר טעג שפעטער כ"ה כסלו תשנ"ו שרייבט די "התאַחדות הרבנים" אָפ אַ בריוו פאַר גינזבערג'ן און שרייבט אים ווי פאָלגנד:**

"מיר זענען דאָ אַ בריוו אונטערגעשריבן פון עטליכע ר' און זיי באַנוצן זיך מיט'ן לעדערהעד פונעם "אַגודת הרבנים"... מיר זענען אייך מודיע אַז דער יונגערמאַן איז גרייט זיך צושטעלן צו דין תורה פאַר אונזער בית דין. אַגב פאַרשטייען מיר בכלל נישט וואָס פאַר אַ מין הזמנה דאָס איז? מיר פאַרשטייען אַז <u>איר זענט דער</u> וואָס חתמ'ט אַלע יאָרן אויף די הזמנות, אַזוי אויך ווייסן מיר דאָך אַז אייערע דין תורות קומען פאַר ביי אייך אין אפיס, וואָס איז דא נשתנה געוואָרן???" (זע קאָפי)...

## גינזבערג שרייט אן בעלסקי'ן, מיט אט די פאלטשע ווענן קען מען איינם צוויי חרוב מאכן די גאנצע אגודת הרבנים קלוב

גינזבערג אָבער האָט זיך נישט וויסנדיג געמאַכט און האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דעם בריוו. גינזבערג האָט אָבער יאָ פאָרגעהאַלטן בעלסקי'ן, אַז היתכן, ער האָט אָפגעטוען אַזאַ שטיקל. גינזבערג האָט גע'טענה'ט צו בעלסקי'ן, צו פאַרשטייט ער דען נישט אַליין אַז טאָמער וועט מען איבערציען דעם שטריק

מיט שיקן בפומבי אַזעלכע צעדרייטע בריוון פאַר מענטשן, דאַן קען דאָס איינס צוויי אונטערגראָבן די גאַנצע ביזנעס מיט וואָס דער מאַפּיאַ פאַראיין איז נאָך פאַרבליבן?

גינזבערג האָט דאַן אויך פאָרגעהאַלטן בעלסקי׳ן, ווי אַזוי ער האָט בכלל געהאַט די העזה אַרויסצושיקן אַן הזמנה אָן אים מודיע זיין! אויף דעם אָבער האָט שוין בעלסקי צוריק גע׳טענה׳ט אַז זיי, בעלסקי און גינזבערג האָבן דאָך געמאַכט אַן אָפּמאַך צווישן זיך אַז זיי וועלן אַרבעטן ״האַנט ביי האַנט״ (ווי שוין אויבן דערמאַנט), ממילא דאַרף דאָך אַלעס גיין שוה בשוה, און ער איז פונקט אַזאַ מחותן ווי הערשעלע גינזבערג, צו שיקן הזמנות.

גינזבערג האָט זיך דאַן אָבער נישט געלאָזט פון בעלסקי׳ן, און האָט אים שטאַרק פאַרזאָגט און קלאר געמאַכט, אַז וויסן זאָל ער, אַז אויף צו שיקן הזמנות האָט ער שוין אַ חזקה יאָרן לאַנג און פון דעם האָט ער דאָך זיין פּרנסה, און ממילא וועט ער זיך בשום אין אופן נישט לאָזן טיילן מיט די ״פּראָפיטס״ וואָס עס קומט אַריין דורך די הזמנות שיקעריי. בקיצור, גינזבערג האָט געזאָגט בעלסקי׳ן, ״זיי נישט קיין חזיר און נעם פון מיר נישט אַלעס צו״!

אַלזאָ, בעלסקי האָט שוין איינגעזען אַז די התאחדות הרבנים האָט אים שוין ווידער געכאַפּט מיט זיינע קרומע מעשות, אָבער דאָס האָט אים נאָך גאָרנישט אָפּגעשטעלט פון זיינע שטיק.

## בעלסקי סטראַשעט שוין אַ צווייט מאָל מיט זיינע שטיק

כ"ה ניסן תשנ"ו שיקט ער נאָך אַן הזמנה פאַר דעם יונגערמאַן, (זע קאָפּי) דאָס מאָל שוין אָן אַ לעטערהעד. אָבער דאָס מאָל באַפעלט ער גאָר דעם יונגערמאַן אַז ער זאָל קומען צו אים אין זיין קלאַס-רום אין דער "ישיבה תורה ודעת", און דאָרטן וועט ער פירן דעם דין תורה. אויך ווייטער דאָסמאָל ווי דאָס ערשטע מאָל, סטראַשעט דער משוגע'נער בעלסקי, אַז אויב וועט דער יונגערמאַן נישט קומען צו אים אין "ישיבה תורה ודעת" דאַן וועט ער פירן אַ דין תורה אָן אים.

## בעלסקי ווערט [נישט] באַשטימט דורך די מנהיגי העיר פון ברוקלין

ער שרייבט אויך צו, אין דעם אזוי גערופענעם הזמנה, אַז זיין בית דין איז גאר באַשטימט געוואָרן דורך די "מנהיגי העיר פון ברוקלין". לאכטס נישט! יא! יא! אזוי שרייבט אויף זיך דער משוגע'נע מטורף בעלסקי!!! דער יונגערמאַן זאָגט אַז ער איז גרייט צו גיין צו דער "התאחדות הרבנים". אָבער דער משוגע'נער בעלסקי האַלט זיך ביי זיינס, אַז ער איז די "בית דין פון ברוקלין"! איי ס'הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס?

## ווי איז בעלסקי ראש בית דין? תורה ודעת? - בית דין דברוקלין? - אויף די לבנה?

נישט געזאָרגט, מ'זאָל נאָר קומען צו אים אין זיין קלאס-רום, און ערלעדיגט! דער ליינער דאַרף געדענקען, אַז דאָס אַלץ זענען פעולות מצד בעלסקי'ן מיינענדיג, אַז אַזוי וועט אים דער ישיבה תורה ודעת בעל כרכם אויפנעמען פאַר ראש בית דין פון זייער ישיבה.

עס דערמאַנט אונז פון אַן עפיזאָד וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריק אָפגעשפילט אויף די אונטערנאַציאָנאַלער נייעס וואָס איינער פון לאָס אַנדזשעלעס האָט גע'טענה'ט אַז דער לבנה איז גאר זיינס און ווער עס וויל קויפן אַ שטיקל לאַנד אויף די לבנה זאָל זיך ביי אים מעלדן. אַזוי פראָבירט בעלסקי צו פאַרקויפן און אַריינרעדן דעם שטאָט אַז ער איז די "בית דין ד'ברוקלין"!

## אַלע בתי דינים זענען בטל ומבוטל אַקעגען בעלסקי'ן — אַזוי האַלט ער!

די חוצפה און גאווה פון דעם בעלסקי גייט אַזוי ווייט, אַז ווען דער יונגערמאַן האָט אַפילו מסכים געווען צו גיין צו אַ דין תורה בפני בי"ד של זבל"א (בנוסף די התאחדות הרבנים) און האָט געגעבן אַ רשימה <u>בכתב</u> פון 17 רבנים וועמען ער איז מסכים אַלץ שליש, האָט דאָס בעלסקי איגנאָרירט - והוא באחת! אַז נאָר צו אים דאַרף מען קומען! (ווי איז שייך אויסצוקלויבן 17 אַנדערע רבנים פון שטאָט ווען דער מרא

דאתרא פון ברוקלין אַליין געפונט זיך דאָ אין שטאָט און איז גרייט און וואַרט מ׳זאָל זיך קומען דן זיין פאַר אים???).

## בעלסקי נעמט די מאַפיאַ און הרג׳ט כמעט אַ מענטש — מיט עלעקטעריק שאַקס!!!

דער סוף איז אָבער ליידער געווען אַז דער נאַצי-בעלסקי האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט (אַ וואָרטס מענטש!), ער צוזאַמען מיט דעם אונטערוועלטניק אַרי׳ רלב״ג האָבן געדינגען די מאַפיאַ, (וואס ווערט אנגעפירט דורך די צוויי טרויעריג בארימטע עס-עס דיידטשן מענדל עפשטיין פון פלעטבוש און מארטין (מרדכי) וולמרק פון מאנסי, ימח שמם וזכרם), זיי האָבן געקידנעפט, צו׳מזיק׳ט און צעבלוטיגט דעם יונגערמאַן מקדקדו ועד רגליו, און נישט נאָר סתם אַזוי, נאָר די דאזיגע ״נאציס״ האבן זיך באנוצט מיט ״עלעקטריק שאַקס״ און אים פאַרברענט איבער זיין גאַנצע קערפּער, און איבער אַלעס אים ל״ע טויב געמאַכט השם ישמרינו! און דאָס אַלעס פאַרוואָס? פאַרדעם ווייל דער יונגערמאַן האָט געוואָלט גיין צו דין תורה צו 17 אַנדערע רבנים, אָבער נישט צו בעלסקי׳ן וועלכע קען אינמיטן אַ דין תורה באַוואַרפן אַנדערע רבנים מיט ״סאָדע פלעשער״ און מאַכן ״קראַטי טשאַפּס״ אויף אַן אַנדערן דיין וואָס האַלט נישט ווי אים!!!

עס וועט קיינער אויף דעם נישט חולק זיין, און ס׳איז אַ קלאָרע זאַך אַז דער יונגערמאַן האָט דעם פולן רעכט געהאַט צו האָבן אַ דין תורה בפני בית דין של תלמידי חכמים ויראי אלקים וואָס זאָלן דן זיין צווישן די שני צדדים ווי עס שטייט אין פסוק

"שמוע בין אחיכם"!!! און צו אַזאַ צעדרייטער און נאַצי-מענגעלע ווי בעלסקי, איז ער זיכער נישט מחויב געווען צו גיין, און ג-ט זאָל אָפּהיטן דעם וואָס גייט יאָ צו אים!

## די התאחדות הרבנים גייט אַרויס ביי אַן אסיפה — און פאַרדאַמן בעלסקי מיט רלב"ג

אַלזאָ, די אויבנדערמאַנטע מערדערישע געשיכטע האָט אויפגעשטורעמט די שטאָט נוא יאָרק. עס האָט געברענגט דערצו וואָס אין ט"ו לחודש כסלו שנת תשנ"ז איז פאָרגעקומען אַ מאַסיוון אַסיפה מטעם די התאַחדות הרבנים ווי עס האָבן זיך באַטייליגט רבנים פון אַלע קרייזן. זיי האָבן פאַרדאַמט בעלסקי מיט רלב"ג און מודיע געווען פאַר'ן ציבור אַז זייערע אַזויגערופענע גט מעושות טוען מרבה זיין ממזרים אין כלל ישראל, און אויסגערופן אַ וויי געשריי ווי אַזוי די ראַבייס האָבן נישט דאָס מינדעסטע מורא שמים מתיר צו זיין אַן אשת איש לשוק רח"ל. (זע קאָפּי פון "דער איד" מיטן דאַטום פרייטאָג פרשת וישב תשנ"ז).

בשעת ווען מ'האָט פאַררופן די אַסיפה זענען געווען חילוקי דעות צווישען די רבנים, צו מ'זאָל אויך רופן דעם בעלסקי און רלב"ג צום אסיפה. מאַנכע רבנים האָבן געהאַלטן אַז "אַדרבה" מ'זאָל זיי דווקא יאָ רופן צום אסיפה, און אויב וועלן זיי קומען (איינרעדנדיג זיך אַז מ'איז אינטערסירט צו הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן, כאילו ס'איז דאָ אַן אויסרייד אויף מתיר צו זיין אַן אשת איש און אָפּטוען נאַצי שטיק), וועט מען זיי קענען פאַרהאַלטן און פאַרשרייען אויף זייערע פאַרברעכענס. געווען זענען אָבער

רוב מנין ורוב בנין וואס האבן געהאלטן אז מ'זאל זיי דייקא נישט רופן, ווייל ס'איז נישט דער צייט און פלאץ אויף דעם אסיפה זיך אפצורעכענען יעצט מיט די דאזיגע נידערטרעכטיגע פארשוינען. די רבנים האבן גע'טענה'ט אז דער ציל פון אזא וויכטיגע פארזאמלונג איז בלויז צו פארדאמען די שוידערליכע מעשים און מפרסם זיין ברבים דעם דעת תורה, אז אויב סיי וועלכע פרוי האט באקומען אן אזויגערופענעם גט פון בעלסקי, רלב"ג און דער דריטער מנובל ומושחת מיט גרויסן טשופ מארטין וולמרק (וואס ער דארף גאר זיין דער "מסדר" הגט, ה' ירחם) וועט חלילה גיין על סמך זה און וואוינען מיט א צווייטן מאן איינרעדנדיג זיך אז זי האט א כשר'ע גט וועט זי רח"ל אראפברענגען ממזרים אויף די וועלט.

**ווען די גדולי הרבנים האבן געהאלטן זייערע דרשות האט מען קלאר געמאכט און מפרסם געווען (ווי מען הערט אויפ'ן טעיפ) אז בעלסקי וסייעתו איז דער וואס שטייט אונטער די געגנסטער שטיק און איז פאראנטווארטליך פאר די פסול'ע גיטין, ה' ירחם.**

רלב"ג און בעלסקי זענען געקומען אויף א נייעם פאטענט צו פארנארן די וועלט - זיי שטעלען צוזאם א פאלטשן בריוו פון דעם וועלט'ס בארימטן גאון הגה"צ רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל

רלב״ג און בעלסקי, כדי אָפּצונאַרן יעדן, האָבן פאַרשאַפט אַ כתב, מכלומר׳שט אונטערגעשריבן פון הרב פּנחס הירשפּרונג ז״ל (רב הראשי ד׳מאנטרעאָל, קאַנאַדא) כאילו ער האָט מסכים געווען צו זייערע מעשים תעתועים ומתועבים. אין יענעם כתב שטייט, ווי ער הרב הירשפּרונג איז מסכים צו אַ געוויסע מכלומר׳שטע ״פּסק״ וואָס רלב״ג און בעלסקי האָבן געשריבן בענין פון יענעם און יענעם יונגערמאַן. אָבער ווייטער וואָס עס שטייט אין יענעם ״פּסק״ (צו וואָס ער, הירשפּרונג באַציט זיך) שטייט שוין נישט אין (מכלומר׳שט) זיין בריוו. אַזוי אַרום האָבן זיך נאָכדעם די שקצים בעלסקי און רלב״ג פאַררופן אויף יענעם כתב (פון הירשפּרונג), טענה׳נדיג אַז דער יעניגע ״פּסק״ צו וואָס רב הירשפּרונג באַציט זיך אין יענעם (מכלומר׳שטן) בריוו מיינט גאָר זייער (רלב״ג און בעלסקי׳ס) ״פּסק״ אין וועלכע זיי (רלב״ג און בעלסקי), זענען מתיר צו רצח׳נען מענטשן און מאַכן גט מעושות. (זע קאָפּי פונעם כתב מזויף מכלומר׳שט אונטערגעשריבן פון הרב הירשפּרונג מיטן דאַטום י״ב אלול תשנ״ו) (הג״ה: דער נאמען אהרן שטיין וואס איר וועט זען דערמאנט און דעם מכלומר׳שטע בריוו פון הרב הירשפרונג ז״ל, איז געווען א דיין אינעם בית יוסף בית דין וועמען בית יוסף האט ארויסגעווארפן פינעם בית דין נאכדעם ווי עס איז נתגלה געווארן קלונו ברבים).

## הגה״צ הרב הירשפרונג ווערט אויפגעשוידערט הערנדיג די פאַלטשע מעשה

הרב ראַפּאָפּאָרט שליט״א (הנ״ל) צוזאַמען מיט נאָך איינעם האָבן אויף דעם אַרויף אָנגערופן הרב הירשפרונג און אים געפרעגט איבער דעם בריוו וואָס ער האָט מכלומר׳שט גע׳חתמ׳ט. הרב הירשפרונג האָט נישט געגלויבט וואָס זיינע אויערן הערן און האָט זאָפאָרט פאַרלאַנגט פון הרב ראַפּאָפּאָרט צו ער קען אים אַריין פעקסן יענעם בריוו. הרב ראַפּאָפּאָרט האָט עס אים באַלד אַריינגעפעקסט.

## הגה״צ הרב הירשפרונג זצ״ל זאָגט אַז ער האָט קיינמאָל אַזאַ בריוו נישט גע׳חתמ׳ט

הרב הירשפרונג האָט זיך תיכף פאַרבינדן מיט הרב ראַפּאָפּאָרט און אים אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס איבער דעם בריוו, און דערביי מכחיש געווען בפה מלא אַז ער ווייס נישט און געדענקט בכלל נישט אַז ער זאָל האָבן אַמאָל גע׳חתמ׳ט אויף אַזאַ בריוו, אָבער בכל אופן, - האָט ער ווייטער ממשיך געווען - האָט ער קיינמאָל נישט מתיר געווען קיין גט מעושה. גלייך דערויף זענען צוויי חשוב׳ע יונגעלייט פון מאָנסי אַריבער געפאָרן קיין מאנטרעאָל צו הרב הירשפרונג און באַקומען פון אים אַ כתב הכחשה (זע קאָפּי פונעם בריוו מיטן דאַטום י׳ אדר א׳ תשנ״ז) אין וועלכן ער לייקנט אָפּ אַלץ וואָס די מנובלים רלב״ג און בעלסקי האָבן פאַרשפרייט אין זיין נאָמען. דערביי

אויף אַ שיינעם אופן טוט ער זיי מאַכן פאַר די גרעסטע ״שקרנים״ און ״פארברעכערס״.

## די רע־בנים זענען די גרעסטע פראָפעשענעלס צו פעלשן חתימות פון רבנים וגדולי ישראל

מיר האָבן שוין גראַדע אינעם ערשטן ביילאַגע באַשריבן וויאַזוי גינזבערג האָט אין אַן אנדער פאַל אויכעד געפעלשט הרב הירשפרונג׳ס חתימה אויף אַ געוויסע בריוו וואָס האָט זיך נישט אָנגעהויבן און נישט אויסגעלאָזט.

מיר גייען נישט איבער חזר׳ן יענע מעשה, מיר ווילן דאָ בלויז אַרויסברענגען אַז די גרופע גענגסטערס זענען שוין מלומד און עקספערטס אין שרייבן ״אייגענע״ בריוון און פעלשן ״פרעמדע״ חתימות.

## 20 תשובות פון רבנים וגדולי ישראל פון דער גאַנצער וועלט, דערקלערן די מאָנטרעאָלער פרוי פאַר אַן אשת איש גמורה - איסור כרת - פרטים יבואו!

ווי מיר דערוויסן זיך זענען פאַראַן אַן ערך פון צוואָנציג תשובות, כתבים און חתימות (טייל וועלכע דער רעדאַקציע האָט געזען) פון גדולי הרבנים, מורי הוראות און ראשי ישיבות פון ארץ ישראל און חוץ לארץ וועלכע דערקלערן די פרוי (פון די אויבן דערמאַנטע געשיכטע) אַלץ אַן ״אשת איש גמורה״ וועלכע עס איז פאַראַן דערויף אַן ״איסור כרת״ רח״ל. (בעלסקי האבן זיכער מורה פאַר ״כרת״, אָבער פאַר׳ן ״איסור״ כרת, נישט האט ער מורא דערפאַר און נישט גלייבט ער דערין). לויט ווי

מיר האָבן געהערט פון מאָנטרעאָלער אידן האָט זיך די אויבנדערמאָנטער "אשת איש" שוין ענדליך אויפגעוועקט און איז גרייט מסדר צו זיין די פרשה מיט איר מאַן על פי דין תורה. אויב דאָס זאָל זיין אמת, זעט זיך עפעס אויס אַז די פרוי אַליין האָט עפעס יאָ אין זיך אַ נקודה פון יראת העונש, ואַשר על כן וועלן מיר דא נישט ציטירן פון די פאַרשידענע רבנים וויאַזוי זיי רייסן אַראָפּ און פאַרדאַמען דעם שוידערליכן מעשה ביש.

מצידינו, וואָלטן מיר אַ וודאַי געקענט באַשטיין אַז דאָס פּאָרפאָלק (צו אַנדערע וואָס זענען חלילה אין אַזאַ מצב ה"י) זאָל זיך אויסגלייכן צווישן זיך און גומר זיין דעם ענין על צד היותר טוב. מיר האָבן אָבער דווקא יאָ אַריין געשטעלט דעם געפעלטשטן בריוו מיט'ן כתב הכחשה פון הרב הירשפרונג זצ"ל, כדי מפרסם צו זיין ברבים די רשעות פון די רשעים, אַז נישט נאָר וואָס זיי טוען אָפּ כל מיני שגץ שטיק, נאָר נעמען נאָך אַ נאָמען פון אַ גדול, און מאַכן עס צו שאַנדע און שפּאָט, און בפרט ווען דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי האָבן מזייף געווען הרב הירשפרונג'ס חתימה.

## בעלסקי מיט רלב"ג האָבן געטראָפן אַ נייעם גדול צו פעלטשן זיין נאָמען, דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי הגאון האדיר הרב וואָזנער שליט"א, אב"ד זכרון מאיר בני־ברק

און אַן אַנדערן פאַל האָבן רלב"ג מיט בעלסקי'ן אויף אַ שווינדלערישע אופן פּראָבירט זיך צו באַניצן מיט הרב הגאון האדיר ר' שמואל וואָזנער שליט"א'ס נאָמען, כאילו ער האָט מיט זיי מסכים געווען צו מאַכן גט מעושות, אויך דעמאָלט ווען הרב

הגאון ר׳ ישעי׳ דירעקטאר שליט״א (וועלכע איז אַגב אַ תלמיד מובהק פון ר׳ אהרן קאָטלער זצ״ל און מחבר געווען עטליכע ספרים, פון זיי, בהסכמת הגה״ק ר׳ משה ארי׳ פריינד זצוק״ל גאב״ד דעדה החרדית, ירושלים ובית דינו ועוד) האָט אָפּגעשריבן אַ תשובה צו הרב וואָזנער, האָט הרב וואָזנער בכתב דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט (זע קאָפּי פון הרב דירעקטאָר׳ס בריוו מיט׳ן תשובה פון הרב וואזנער שליט״א).

## רבנים וגדולי ישראל קומען אַרויס קעגן גט מעושה

אויך קעגן יענעם אזויגערופענעם ״גט״, זענען שאַרף אַרויסגעטרעטן די התאחדות הרבנים און דער טאַרטיקאָווער בית דין, נאָכדעם ווי הרב הגאון ר׳ אברהם ראפאפארט שליט״א האָט אָפּגעשריבן אַ תשובה און מודיע געווען איבער די מעשה נבלה פאַר אַלע גדולי הרבנים. אַזוי אויך האָט הגאון האדיר ר׳ מנשה קליין אב״ד אונגוואר שליט״א אָפּגעשריבן אַ לענגערע תשובה צו אַ געוויסע רב וועלכע האָט ביי אים אנגעפרעגט די שאלה. (שלא באריכות איז דער סך הכל פון דער תשובה געווען אַז דער גט איז ״בטל מן התורה״). אַ דאַנק די אויבנדערמאַנטע בתי דינים, און גדולי הרבנים וועלכע האָבן דאַן מפשר געווען בין הצדדים זייערע טענות ותביעות זה שכנגד זה, האָט מען צום סוף מסדר געווען אַ כשר׳ע גט כדת וכדין, און גערעטעוועט די פרוי פון אַן איסור כרת רח״ל.

## רבנים קומען אַרויס קעגן די רע־בנים וואָס מאַכן גט מעושות און צייכענען זיי אָן ערגער ווי רעפאָרמער

ביי יענעם גט מעושה סקאַנדאַל זענען אויך פאַר געקומען עטליכע אסיפות פון רבנים. ביי איינע פון יענע אַסיפות האָט זיך הרב הגאון המפו׳ ר׳ **נפתלי מאיר באב״ד ראב״ד טארטיקאוו** זיך הויך אָנגערופן אַז די אַזויגערופענע ״רבנים״ ה״י וועלכע מאַכן אָן די גט מעושות זענען ערגער ווי די רעפאָרמער, און עס איז גדול עוונם מנשוא. באמת האָט ער גאָרנישט מחדש געווען, ווייל יעדער איד מיט בלויז אַ משהו יראת שמים וועט דאָך זאָגן דאָס זעלבע, נאָר דער עולם גולם כאַפּט זיך דאָך נישט וואָס דאָ גייט פאָר, און אַז מ׳הערט עס נאָכזאָגן פון אַ געוויסע ראש בית דין דעמאָלט גייט עס אין מ׳ח אַריין און מ׳גיט זיך אַ קלער פאַר אַ מאָמענט ווי מ׳האָלט דאָ אויף דער וועלט.

## אַ בריוו פון הגה״צ ר׳ משה שטערנבוך שליט״א סגן נשיא פון די עדה החרדית

מהאי טעמא האָבן מיר אויך אַריינגעשטעלט אַ בריוו איבער דעם ענין פון הגאון ר׳ משה שטרנבוך שליט״א דער סגן נשיא פון די עדה החרדית וועלכע טוט אין דעם בריוו מיט פאַרביטערניש אַרומרעדן איבער דעם שפל המצב אין אמעריקע אין די ענינים פון גיטין, ווי ער שרייבט (**איבערגעזעצט אויף אידיש**):

"מיר האָבן געהערט פון אַסאַך פעלער ווי "רבנים" זענען מסדר געצווינגענע גיטין רחמנא ליצלן, ווי עס זעט אויס האָט מען זיך אין אַמעריקע דערקייקלט צו אַזאַ מצב, אז דער וואס וויל חתונה האבן מיט א גרושה דארף מברר זיין ביי וועלכן בית דין זי האט באקומען איר גט, און צו דער מאן האט מסכים געווען דערצו מיט זיין ווילן, און מ'דארף נישט חושש זיין וועגן דעם חרם [רבינו תם פון מוציא לעז זיין אויף אזא גט...

דער נודע ביהודה פירט אויס [אין א תשובה] אַז טאָמער אַ בית דין איז מנדה אַ מענטש וועלכער איז כדין מוציא לעז אויף אַ גט - דאַן זענען זיי אליין [דער בית דין] בנידוי... איבערדעם בעטן מיר פון די אַמעריקאנער רבנים וועלכע שטייען איבער'ן משמר היהדות, אַז זיי זאָלן נישט צולאזן אַזאַ פירצה צווישן בתי דין וועלכע בעוונותינו הרבים שטעלן זיך אהער ווי אָרטאָדאָקסישע רבנים. טאָמער וועט מען שווייגן גיט מען זיי צו אַ האַנט ממשיך צו זיין [מיט זייערע מעשים] חס ושלום... איך האָף און וואַרט אויף רחמי שמים... משה שטרנבוך" (זע מער באריכות אינעם קאפי פון בריוו אויף זייט...).

נישט לאַנג צוריק איז הרב הגה"צ המפורסם ר' ארי' שכטר שליט"א המגיד המפורסם מירושלים גערופן געוואָרן צו קומען קיין אַמעריקע מטעם דער "וועד החינוך העולמי", וואָס שטייט

אין שפיץ פון די גדולי הדור, ועל צבאם הגאון האדיר ר׳ יוסף רוזנבלום שליט״א ראש ישיבת שערי יושר, כדי מעורר זיין דעם כלל ישראל אויף תשובה. הרב שכטר האָט געהאַלטן זיינע פייערדיגע דרשות אין פאַרשידענע געגענטער און שטעט אין אַמעריקא וואָס האָט געצויגן טויזנטער צוהערערס. צווישן אַנדערע וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק האָט הרב שכטר מיט קולי קולות און מיט טרערן אין די אויגן אַרומגערעדט איבער די שרעקליכע צרה וואָס אזויגערופענע ״רע-בנים״ טוען אָפּ כל דבר אָסור רח״ל.

## פרויען וואָס מסר׳ן די מענער בערכאות — דינגן די עפשטיין וולמרק מאַפיאַ - איז דער גט פסול - די קינדער זענען ממזרים

תוך הדברים האָט הרב שכטר שליט״א געזאָגט ווי פאלגנד:

״פרויען וואָס מסר׳ן זייערע מענער בערכאות כדי זיי צווינגען צו געבן אַ גט... איז דער גט פסול... און אויב האָט די חתונה געהאַט מיט אַזאַ גט איז איר קינד אַ **ממזר**..., ווער ווייסט וויפיל ממזרים איז דאָ?... ווער ווייסט - צוליב אַזאַ הנהגה - וויפיל ממזרים דרייען זיך צווישן אונז? זיי מיינען אַז מ׳האָט באַקומען אַ גוטן גט, אָבער אַ גט וואָס מ׳האָט אים אַרויסגענומען בכפי׳ און אין לך כפי׳ גדולה מזו, אַז מ׳זעצט יענעם אין תפיסה צו מ׳שלאָגט אים מכת רצח, איז נאָך דאָ אַ גרעסערע כפי׳ פון דעם? **אַז מ׳האָט חתונה מיט אַזאַ פרוי זענען די קינדער ממזרים...** עס איז אַ מצוה מפרסם צו זיין די ״רבנים״ די ״חונפים״ וועלכע גיבן עצות פאַר אידישע קינדער, מענער צו

פרויען, צו גיין בערכאות, זיי זענען מתיר איסורים חמורים און זיי זענען פאַראַנטוואָרטליך אויף דעם גרויסן חילול השם און הפרת התורה ח״ו, זיי זענען פאַרמיסט, זייערע מעשים זענען אומווערדיג, און זייער הוראה איז פסול... זיי זענען אין כלל פון די מחטיאי הרבים וואָס איז גערעכנט אין כלל פון די כ״ד דברים שמעכבין את התשובה״.

## ווער זענען די מאַפיאַ באַנדע?

אַלזאָ, האָבן מיר מקיים געווען ״מצוה לשמוע דברי חכמים״, און מיר זענען טאַקע דאָ מפרסם אין די אויסגאַבע, די רשעים ארי׳ רלב״ג און איזרעיל בעלסקי צוזאַמן מיט זייערע קאָליגאַנעס די באַוואוסטע אונטערוועלטניקס מענדל עפשטיין וחבירו מארטין וולמרק ימ״ש, וועלכע זענען טאַקע די גרעסטע מוסרים און רשעים, און דאַנקן דערפאַר דארף מען הערשעלע גינזבערג וועלכער איז דער קונץ מייסטער וואָס האָט צוזאַמען געשמאלצן די אַזויגערופענע ״אגודת הרבנים״ פון די דאָזיגע באַנדע גענגסטערס.

## מיר ווען גומר זיין דעם אויסגאַבע ציטירנדיג פונעם ספר ישועות משיחו פונעם הייליגן אַברבנאל (פרק ו׳ )אָט ווי פאלגנד שרייבט ער:

״מה שאמר בפרק חלק ״ר׳ שמלאי משם ר׳ אלעזר בר׳ שמעון אין בן דוד בא עד שיכלו שופטים ושוטרים מישראל״, שסמוך לביאת משיחינו, כמו שנסתלקו לשכת הגזית בארץ כך יסתלקו חכמי הדור ומורי הוראות בדבר המשפט.״

**אין אידיש:** ״אַזוי ווי פאַר׳ן חורבן בית המקדש זענען די סנהדרין שוין נישט געזעצן אינעם לשכת הגזית, אַזוי אויך פאַר משיח וועט קומען, וועט פון אונז אַוועק גענומען ווערן די חכמי הדור און די מורי הוראות וועלכע פסק׳נען דיני תורה,״ עכל״ק.

אויך זאָגן אונז די הייליגע חז״ל אין מסכת שבת (פרק תולין) **״אם ראית דור שצרות רבות באות עליו צא ובדוק בדייני ישראל שכל פרענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל.״** עס איז ליידער מקוים געוואָרן בשלימות גמורה די ווערטער פון די הייליגע חז״ל. נישט נאָר האָבן מיר פאַרלוירן די אמת׳ע גדולי הדור און מיר האָבן כמעט נישט אויף וועמען אַרויפצוקוקן, נאָר מיר האָבן נאָך אַזויגערופענע אָרטאָדאָקסישע ראבייס פונעם כת הערב רב וועלכע ווילן חלילה אויס׳שמד׳ן כלל ישראל דורך זייער קרומע און רשעות׳דיגע מעשים ה״י. די פאָר ערליכע רבנים מיט וואָס מיר זענען נאָך יאָ פאַרבליבן הערן מיר פון זיי כמעט נישט קיין דברי כבושין ומוסר, צו איז עס ווייל זיי האָבן מורא צו רעדן, צו ווייל זיי טראַכטן אַז ס׳איז שוין נישטאָ פאַר וועמען צו רעדן, ווייל באמת האלטן מיר טאקע שוין ליידער ביי די מצב פון ״איש הישר בעיניו יעשה״, (הגם לפי עניית דעתינו זענעןביידע אויסריידן נישט קיין שום תירוץ). אָבער ווי אַזוי ס׳זאָל נאָר זיין, קענען מיר שוין שטאַרק האָפן אַז ס׳איז שוין נאָנט צו ביאת המשיח און מיר וועלן שוין בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון די צוויי שווערע גלות׳ן וואָס זענען משולב איינס אינעם צווייטן, דער גלות הרוחניות און דער גלות הגשמיות - און ווי באַקאַנט אין די הייליגע ספרים איז דער עיקר גלות הרחניות דאָס, וואָס

מיר זענען אינטער די שליטה פונעם כת הערב רב ה"י - און דאַן וועלן די רשעים האָבן זייער סוף, באבוד רשעים רנה, בב"א.

**אַגב, ווילן מיר בעטן אַז ווער עס האָט אינפאָרמאַציע וועגן די "ראביים" וועמנ'ס נעמען ווערן דערמאַנט אין דעם איצטיגן אויסגאַבע, זאָל ביטע אַריינשיקן די אינפאָרמאַציע צום אויבענדערמאנטן טעלעפאן עמוד 2 ולמצוה גדולה יחשב!**

מיר ווילן אויך באַדאַנקן די קאמיטי פון 12 בני הכולל און די חשובע בעלי בתים און אויך פאר די צענדליגע יונגעלייט וועלכע האבן אונז ערמעגליכט אַרויסצוקומען מיט דעם אויסגאַבע און שטייען ווייטער גרייט אונז אַרויסצוהעלפן מיט'ן קומענדיגן אויסגאַבע, ישלם ה' שכר פעלם.

## פרק ו'

מיר געפונען אין די גמרא (כתובות קה:) ווי רבא ערקלערט דעם טעם פאַרוואס מען טאָר נישט געלט נעמען אַפילו אויף אַ תנאי צו פסק'נען עפ"י דין תורה, זאָגט רבא אַז דער מאָמענט וואָס מען נעמט געלט פון יענעם, ווערט ער אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו יענעם פונקט ווי יענער וואָלט געווען ער אַליינס, דאָס מיינט אַז נישט יענער איז דער בעל דין, נאָר ער אַליינס ווערט דער בעל דין, פירט אויס רש"י דאָרט, אַז דעמאָלט איז שוין נישט מעגליך צו זען עפעס שלעכטס אויף דעם צד, אַפילו ער זוכט אַרויסצוברענגען דעם אמת'דיגן תורה'דיגן אורטייל. און וואָס איז דער באַדייט פון שוחד? זאָגט די גמרא (דאָרט),

שהוא חד, דאָס מיינט אַז דער נעמער און געבער ווערן איין האַרץ און איין מיינונג.

ב) עס איז כדאי צו ציטירן די מעשה וואָס די גמרא דערציילט דאָרט וואָס איז פאַרלאָפן ביי איינע פון די גרויסע תנאים ר׳ ישמעאל ב״ר יוסי. זיין פעלד אַרבייטער (גערטנער) פלעגט אים ברענגען יעדן ערב שבת (פון ר׳ ישמעאל׳ס פעלד) אַ גאַנצן קויש מיט פירות. פּאַסירט אַמאָל און ער ברענגט דאָס דאָנערשטאָג אַנשטאָט ערב שבת, מיט׳ן אויסרייד, אַז אַזוי ווי ער האָט ממילא אַ דין תורה וואָס מוז גע׳פסק׳נט ווערן דורך ר׳ ישמעאל׳ן, ברענגט ער שוין אין איינוועגס די פירות. דער הייליגער ר׳ ישמעאל האָט דאָס באַטראַכט אַלס כאבאר (שוחד), האָט ער זיך אַנטזאָגט צו פסק׳נען די דין תורה און געזעצט אַנדערע רבנן זאָלן פסק׳נען.

ג) דאָך האָט ביי ר׳ ישמעאל געפיבערט די געדאַנקן, און אין יעדע רגע האָט אין אים אַריינגעבליצט אַ נייע זכות פאַר זיין גערטנער ווי אַזוי צו געווינען די דין תורה, טראַכטנדיג דערביי, הלואי טענה׳ט דער גערטנער זיינער אַזוי! אָדער אַזוי!

ד) האָט זיך דאַן ר׳ ישמעאל אָנגערופן **פאַרשאָלטן זאָלן זיין די וואָס נעמען שוחד**, מה דאָך איך, וואָס איך האָב נישט גענומען (דאָס מיינט גע׳פסק׳נט), און אפילו יאָ, האָב איך דאָך נאָר גענומען מיינס, פונדעסטוועגן האָט מיך דאָס האַרץ נישט צורו געלאָזט, אַרויפברענגנדיג יעדע סעקונדע נייע המצאות ריין צו וואַשן דעם גערטנער, די וואָס נעמען פון יענעם אוודאי און אוודאי.

ה) פון די מעשה טוען מיר אַרויסנעמען, אַז דאָס ענין פון ווערן נאָנט מיט יענעם וואָס מען האָט ערהאַלטן פון אים געלט איז אַ אייגנשאַפט פון מענטש, וואָס עס איז נישט מעגליך איבערצוועגדערן מיט'ן גרעסטן ווילען און מסירות נפש, פונקט ווי אַ מענטש איז נישט בכח אַריבער צושפּרינגען דעם ים הגדול אַפילו ער זאָל ריכטיג האַלטן דערביי, ווייל ער איז באַשאַפען געוואָרן אָן פליגעל, דאָס זעלבע מיט דעם, און דאָס אַלעס דורך אַזאַ קליינטשיגע הנאה פון ברענגען פירות איין טאָג פריער ווי געוועגדליך, כל שכן נעמען געלט ממש.

ו) נאָכמער טרעפן מיר ביי גרויסע צדיקים דאָס די השפעה פון שוחד האָט געווירקט אומוויסענדיג. דאָס דערציילט אונז הגה"ק ר"ר אייזיקעל מקאָמאַרנע זצלה"ה. מיר ווען דאָס שרייבן בקיצור, אַ איד האָט געהאַט אַ שווערע דין תורה ביים אַפּטער רב זצוקללה"ה, עס האָט זיך געצויגן טעג. אינמיטן אַ טאָג, הייבט אָן דער אוהב ישראל שפּירן, אַז אַלע זיינע נייגונגען און וואָס פאַר אַ געדאַנק עס קומט אים אויף, זענען געצילט לטובת איין בעל דין. די סיבה אָבער האָט ער נישט געוואוסט, נאָר אַזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט פשוט האָט ער קודם אָפּגעשטופּט די דין תורה.

ראש חודש האָט דער אַפּטער רב געהאַט אַ מנהג צו טוישן דעם קאַפּטן, און אָנטוען אַ ראש חודש קאַפּטן לכבוד ראש חודש. דאָס מאָל האָט ער געשפּירט אַז דער קאַפּטן איז אומנאָרמאַל שווער, קוים וואָס מען הייבט אים אויף און די טאַשן רייסן זיך איבער. אַריינלייגענדיג די הענט אין טאַש

טרעפט ער אַ הויפן מטבעות. דאָס האָט יעניגער בעל דין אַריינגעשטעלט אָן דעם וויסן פון אַפּטער רב, טראַכטענדיג אַזוי אַרום צו געווינען די דין תורה. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער אַפּטער רב האָט זאָפאָרט אָפּגעלאזט יענעם דין תורה, און שטרענג אַפּירגענומען דעם בעל דין פאַר זיין דערוואַגעניש.

ז) פון דעם זעען מיר, אַז געלט האָט אַ שרעקליכן כח, איבערצודרייען אַ מענטשנ׳ס געדאַנק, טראַצדעם וואָס ער ווייסט אַפּילו נישט אַז ער פאַרמאָגט דאָס, און אַפּילו ער איז אַ צדיק וקדוש.

און דערפאַר שטייט אין שו״ע (חו״מ סי׳ ז׳, י״א,) אַז אַפּילו דאָס קלענסטע בית דין מוז פאַרמאָגן זיבן מעלות: 1) חכמה, 2) ענוה, 3) יראה, 4) אהבת אמת, 5) מענטשן האָבן זיי ליב, 6) מענטשן מיט אַ גוטן נאָמען, 7) און האָבן פיינט געלט. זעען מיר אַז מען קען פאַרמאָגן זיבן העכסטע מעלות וואָס דערין ליגט אויך די מדה פון ליב האָבן דעם אמת, און פונדעסטוועגן האָט דאָס אַלעס קיין ווערט נישט אויב מען האָט ליב געלט, ווייל דעמאָלטס איז דער אמת - שקר.

# פרק ז׳

### דברות קודש של השרף הנורא מוהר״ר יהונתן אייבשיץ זצ״ל

(נלקח מספר מוסרי רבינו יהונתן דף קי״ד )

וזל״ק כאשר עינינו רואים שהרבה אנשים הסובלים יסורים ומכות בוז וחרפה ועומדים בקדוש השם ובממון יצרם גובר בעו״ה לאין פשע

ובשביל דבר קל אין אלהים לנגד עיניו לגזול ולעשוק עמיתו והיה אם יעשה לו חבירו נקל בעיניו לנקום נקמתו ממנו במסירות ות"ה בעו"ה אשר הוא מכת מורידים ולא מעלים. כללו של דבר אם אתה רואה אדם עומד בנסיון ממון הרי הוא מובטח שיעמוד בנסיון גופו לקידוש השם כי בעו"ה אין לך דבר שידו וכח של יצה"ד תקיפה מממון ואם אין כח לפתות איש בממון אז ברור שיוכל לו בכל ענינים והחוש ומעשים בכל יום מעידים ע"ז הרבה עד שאין צורך לראייה, ולכך אמר לו רחב"ת הרי עמדתי בנסיון אפילו בממון וכבשתי יצרי שנתערב לי ממון חולין בצדקה ונתתי הכל לעניים וא"כ אין ספק שיהיה ה' אתי לכבוש יצה"ר ולקדש שמו ית' ברבים וע"ז אמר מחלקך יהיה חלקי דוודאי יתקדש ש"ש על ידך בכל אופן וכמו שהיה באמת וזכאות חלקהון קמי דמלכא קדישא ומזה נלמוד כי לעבוד את ה' בכל לב מבלי פניה כלל ולקדש שמו ברבים והעיקר הנסיון בממון מבלי לחוס על ממון יותר מכפי הראוי ואצ"ל בממון של גזל ואינו של יושר כי מחטיא לאדם למאד וסוף להביא כל הונו ממנו ומזרעו לטמיון וע"ז נאמר הכסף יענה הכל כי יש להזהר ממי שמונע ידו מממון שאינו יושר הוא בחזקת איש כשר וה' ישמור תגלו מלבד וגם לראיה איך ראשונים עמדו נפשם בקדוש השם ועי"כ הקב"ה עשה להם נסים וכו' עכ"ל.

# פרק ח'

## דברים חוצבים להבות אש מספר פלא יועץ

## מערכת משא ומתן

ידוע ששאלה ראשונה ששואלין ליום הדין הוא נשאת ונתת באמונה ועתה בעוה"ר אנשי אמונה אבדו באמרם טענות של הבל שבזמן הזה קשים מזונותיו של אדם והרוצה להתנהג

ביושר ואמונה לא יוכל לאכול אפי' פת במלח ומתוך כך נעשה כהיתר לעשות עולה ולדבר כזב ולהונות ולגנוב ולגזול ולהשיג גבול וכהנה רעות רבות מלבד ביטול תורה ותפלות בצבור וחילול שבת וכדומה ואין איש שם על לב להיות נחם על הדעה אוי להם לבריות מיום הדין ולא לחנם אמרו מפני מה נברא העוה"ב ביו"ד מפני שצדיקים בו מועטים כי כל התורה כלולה באמונה כדכתיב וצדיק באמונתו יחיה ואדם ניכר בכיסו כי המאמין בה' כי הוא הנותן כח לעשות חיל ושכל מזונותיו של אדם קצובים לו מר"ה מפי עליון לא יאמין שע"י עוברו פי ה' יצליח את דרכיו הס כי לא להזכיר ואם יצליח בוודאי בלי שום ספק שיהיה עושר שמור לבעליו לרעתו מלבד עונשו שיהיה שמור לו לעוה"ב ואם תראה אדם ישר שהולך בדרך טובים ונושא ונותן באמונה שמזונותיו מצומצמים חלילה להאמין שיש צדיק אובד בצדקו ח"ו השופט כל הארץ לא יעשה משפט יושר חלילה וחס רק לו נתכנו עלילות והמאמין בה' באמת ובלב שלם יאמין באמונה שלימה שהצור תמים פעלו כל דרכיו משפט וכל דעביד רחמנא לטב עביד למען ייטב לו בעולם שכולו טוב והן אמת שכל ישראל מאמינים בני מאמינים אבל לא האמונה היא העיקר והכל לפי רוב המעשה שיהא מורה על האמונה וכמו שכתבתי גם כן לעיל בערך אמונה:

## מערכת כסף

כסף כתיב כסף נבחר לשון צדיק וכתיב בצל החכמה בצל הכסף הביטה וראה שהוקש הכסף ללשון והוקש לחכמה שם

רמז שכמו שאמרו מות וחיים ביד לשון מאן דבעי חיי בלישניה מאן דבעי מיית בלישניה וה"נ אמרו שנמשלה תורה לסם תם מאן דבעי סם חיי מאן דבעי סם המות ה"נ אף אנו נאמר לענין הכסף מאן דבעי חיי בכסף מאן דבעי מיית בכסף כי רוב העבירות הן נגררות מחמת היות אדם להוט אחר הכסף כגון גזל גניבה אונאה עושק שבועת שוא שבועת שקר שקרים עול במדות השגת גבול מחלוקת קנאה שנאה תחרות מאכלות אסורות חילול שבת ויו"ט ורוב העבירות שאדם עושה הוא על בצע כסף ועון חילול ה' על גביהן וכן מי שממונו חביב עליו מבטל רוב מצות ותפלות וברכות ות"ת כנגד כולם וכשמקיים אותם הם פסולות מחמת המהירות והכיליות ולבו בל עמו כי לבצעו פונה בכל פינות שהוא פונה ומעלים עין מן הצדקה וכדמבעי ליה למעבד לא עביד וכהנה רעות רבות באופן שיש עושר שמור לבעליו לרעתו שעל ידו יורש גיהנם ויורד לבאר שחת ובאמת אמרו אדם ניכר בכיסו כי הן אמת כי גבר אויב יצר הממון ובפרט בדור הזה הוא דור ממון שאדם להוט אחר הממון יותר מכל העבירות ומכל התענוגים וממונו של אדם חביב עליו יש יותר מגופו ויש ג"כ יותר מנפשו אבל זאת תורת האדם בעוה"ז שיהא גבור הכובש את יצרו ויפקח עיניו ויראה כי הכסף נפשות אוסף והזהב נפשות ידאב ויבין האמת לאמיתו כי מוטב לו לאדם שימות ברעב ואל יהי רשע לפני המקום ואל יכעיס את בוראו ח"ו ולו בכח יגבר איש להיות גבור הכובש את יצרו ולא יהא הכסף נחשב בעיניו למאומה נגד עשית רצון הבורא ובכן יתן לכסף מוצא כאבנים לעשות רצון אביו שבשמים ויאמין

באמונה שלימה שיהא קבוע בלבו במסמרים בל ימוט שמזונותיו קצובים לו מן השמים אם יעלו שמים ירדו תהומות לא יוכלו להעדיף או להחסיר לו אפילו פרוטה או חוץ מהוצאת מצות ומעש"ט שאינם קצובים אלא אם מוסיף מוסיפין לו ובכן יש קונה עולמו בממונו שמרבה צדקה מרבה מצות ומע"ט וקונה שם טוב לעצמו קונה לו דברי תורה קונה לו חיי העוה"ב וכבר איתנח סימנא דבר תורה מעות קונות שלכל דברי תורה וכל דבר טוב צריך מעות והכסף יענה את הכל מי חכם וישמור אלה ולא יהא נרדם סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם:

## מערכת גזל

א) גזל ידוע חומר עון הגזל עד שאמרו שלא נחתם גזר דינם של המבול אלא על הגזל וכל זמן שגזל בידו אין תפלתו נשמעת ומאכילים אותו לעוה"ב גחלי רתמים וצריך לחזור בגלגול כדי לשלם והודעתי הן כתיב בקונטרס אורות אלים מעשה נפלא שאירע בימי הריב"ש שבא אחד בגלגול סוס והיה עובד בכל כוחו כדי לשלם את חובו ויש שכתבו על מארז"ל שאמרו שעל עבירות שבין אדם לחבירו אין יוה"כ מכפר עד שירצה את חבירו שר"ל שאפילו עבירות שבין אדם למקום אין נמחלים עד שישוב את הגזילה וירצה את חבירו (ועיין במה שנכתוב לקמן ערך תשובה) וחבל על דמשתכחין שנעשה להם הגזל כהיתר מחמת שעשו לו שינוי השם ובשם חריפות וחריצות והשתדלות יקראוהו ונותן הודאות לאל על אשר עשה והצליח וכמה מיני גזל הם שדשו בהם רבים נזכיר

מקצתם השומע ישמע והחדל יחדל ועליו תבא ברכת טוב זה יצא ראשונה, מנהג רע ומר שנמצא בעולם שהאיש אשר מטה ידו ואין לו נכסים רבים כרצונו או שנתרושש לגמרי מה עושה הולך לערי אדום כגון ויינ"א ויניציי"א ליפסיק"ה וכדומה ולוקח סחורה מרובה בהקפה ע"מ שלא לשלם או לוקח מבני עירו ואחר כך מראה שנשבר וע"י שוחד לשופטי ארץ עושה מה שרוצה ואחר ימים ע"כ שלא בטובתם מתרצים הבעלי חובות לעשרים למאה או שלושים למאה ואם יאמרו על איש אחד שיוצא באמצע הדרך וגוזל את העוברים בשם לסטים יקרא ואחת דתו להמית אליבא דכ"ע וכשנדקדק עושה אלה גרע טפי מהלסטים הזה מכמה פנים א' שבהלסטים אדם יכול להשמר ועוד שהלסטים לא קבל טובה מזה האיש שגזלו אבל כשלוה רשע ע"מ שלא לשלם נמצא שהוא כפוי טובה ומשלם רעה תחת טובה לאיש אשר האמינו וגמל עמו חסד והלוהו וכתיב משלם רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו ועוד שהלסטים אינו גונב אלא ממון וזה גונב ממון ודעת הבריות ועוד שנועל דלת בפני לווים ובהדי הוצא לקי כרבא, ועוד שהלסטים אם יתפסוהו שלם ישלם ויהא לוקה ומשלם לא כן זה שבכח שופטי האליל ליכול וליחדי ממון חבירו ויעשה מה שלבו חפץ והבע"ח יראה וכעס שיניו יחרוק ונמס ואין לו מושיע רק ה' יריב ריבם וקבע את קובעיהם נפש ומעיד אני שהרבה אנשים ראיתי שעשו כזה ונתקיים בהם מקרא שכתוב עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו ובאחריתו יהיה נבל ואפילו מה

שיהיה בידם נאבד מהם כי כך היא המדה בא זה ואיבד את זה מלבד עונשו השמור לו לעוה"ב.

ב) וידוע שגזל הגוי חמור מגזל ישראל שנלוה עמו גם עון חילול ה' החמור וכתבו המקובלים שישראל הגוזל את הגוי גורם שהשר של הגוי יגזול שפע מהקדושה אל הקליפה ונהי דקיי"ל טעות העכו"ם מותר אבל אסור להטעותו ואפי' למכור לו נבילה ולומר לזה שהיא שחוטה או ליתן לו מעות מזוייפות ולומר לו שהן יפות או לערבם עם טובים וכדומה הכל אסור וגזל גמור מקרי.

ג) ויש מין גזל אחר שנמצא בין השותפים כשהאחד קמצן מלהוציא הוצאות בביתו בא רעהו ונותן לאשתו שלא מדעתו והוא לוקח כנגדו הרי זה גוזל וחוטא ולא לו. יש דרך ישר לפני איש וביותר הדבר מצוי בין הנשים ליתן צדקה או מתנות או להוציא הוצאות שלא מדעת בעלים וגם זה גזל מיקרי. שואל שלא מדעת גזלן הוי והרבה כשלו בענין נעלים וספרים וכדומה.

ד) מה מאוד צריך ליזהר ולשקול בפלס שלא לקבל ושלא לאכול מאיש אשר אכול ושתה יאמר לו ולבו בל עמו או דאוולי מוזיל גביה משום כסופא דאיכא סרך גזל ויש חברת ריעים שנוטלים מחבריהם בתורת מתנה או בזול על כרחם שלא בטובתם של בעלים והוא גזל גמור ונוסף גם הוא שהעוברים על לאו דלא תחמוד.

ה) האומנים ובפרט מלמדי תינוקות אם אין עושים מלאכתם באמונה ידם במעל וגזל יש בידם. כתיב גוזל אביו

ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית והן בעון יש הרבה בנים המתפרצים אשר לא אמון בם וגוזלים אביהם ואמם ואשר לא שת לבו ונכשל בגזל אביו ולא שאל ממנו מחילה יתקן בהתפיים עם אחיו. (נעתק מסה"ק מסילת ישרים פי"א).

## דברים נוראים מספר מסילת ישראל

א) וכן אמרו חז"ל גזל ועריות נפשו של אדם מחמדתן ומתאוה להן. והנה אנחנו רואים שאף על פי שלא רוב בני האדם גנבים בגלוי הם. דהיינו שישלחו יד ממש בממון חביריהם לקחת ולשום בכליהם. אף על פי כן רובם טועמים טעם גניבה במשאם ובמתנם במה שיורו היתר לעצמם להשתכר איש בהפסדו של חבירו ויאמרו להרויח שאני. ואולם לאוין הרבה נאמרו בגזל. לא תעשוק. לא תגזול. לא תגנבו. ולא תכחשו. ולא תשקרו איש בעמיתו. לא תונו איש את אחיו. לא תשיג גבול רעך. הן כל אלה חילוקי דינים שבגזל כוללים מעשים רבים מן המעשים הנעשים בכלל המשא והמתן המדיני. ובכלם איסורים רבים כי לא המעשה הניכר ומפורסם בעושק ובגזל הוא לבדו האסור. אלא כל שסוף סוף יגיע אליו ויגרום אותו כבר הוא בכלל האיסור. וע"ז אמרו ז"ל (סנהדרין פ"א) ואת אשת רעהו לא טימא שלא ירד לאומנות חבירו. וכבר היה ר"י אוסר לחנוני שלא יחלק קליות ואגוזים לתינוקות כדי להרגילן שיבואו אצלו ולא התירו חכמים אלא מפני שגם חבירו יכול לעשות כן. ואמרו ז"ל (ב"ב ח) קשה גזל הדיוט מגזל גבוה שזה הקדים חטא למעילה וכו`. וכבר פטרו את הפועלים העושים אצל בעל הבית מברכת המוציא ומברכות אחרונות דברכת המזון. ואפילו בקריאת שמע לא חייבום ליבטל ממלאכתן אלא בפרשה ראשונה בלבד. קל וחומר בן בנו של קל וחומר לדברי הרשות שכל שכיר יום אסור בהן שלא לבטל מלאכתו

של בעל הבית. ואם עבר הרי זה גזלן. הנה אבא חלקיה אפילו שלום לא השיב לתלמידי חכמים שנתנו לו שלום שלא ליבטל ממלאכת רעהו. ויעקב אבינו עליו השלום מבאר בפיו ואומר (בראשית לא) הייתי ביום אכלני חורב וקרה בלילה ותדר שנתי מעיני. מה יענו איפוא העוסקים בהגאותיהם בשעת מלאכה ובטילים ממנה או כי יעסקו בחפציהם איש לבצעו.

ב) כללו של דבר השכיר אצל חבירו לאיזה מלאכה שתהיה. הנה כל שעותיו מכורות הן לו ליומו כענין שאמרו ז"ל שכירות מכירה ליומיה. וכל מה שיקח מהן להנאת עצמו באיזה אופן שיהיה אינו אלא גזל גמור ואם לא מחלו אינו מחול. שכבר אמרו רבותינו ז"ל (יומא פ"ו) עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חבירו. ולא עוד אלא שאפילו אם עשה מצוה בזמן מלאכתו לא לצדקה תחשב לו אלא עבירה היא בידו שאין עבירה מצוה וקרא כתיב שונא גזל בעולה.

ג) וכענין זה אמרו ז"ל (בבא קמא צ"ד) הרי שגזל סאה חטים וטחנה ואפאה ומברך אין זה מברך אלא מנאץ דכתיב ובוצע ברך נאץ ה'. ועל כיוצא בזה נאמר או לו לזה שנעשה סניגורו קטיגורו. וכמאמרם ז"ל בענין לולב הגזול. והדין נותן. כי הרי גזל חפץ גזל. וגזל זמן גזל. מה גוזל את החפץ ועושה בו מצוה נעשה סניגורו קטיגורו. אף גוזל את הזמן ועושה מצוה נעשה סניגורו קטיגורו. ואין הקב"ה חפץ אלא באמונה.

ד) כן הדבר הזה שאף שלא יהיה האדם הולך וגוזל ממש. קשה הוא שיהיה ידיו ריקניות ממנו לגמרי. אמנם

באמת כ"ז נמשך ממה שתחת היות הלב מושל בעינים. שלא יניח להיות נעים להם את של אחרים. העינים מושכים את הלב לבקש התרים על מה שנראה להם יפה ונחמד. ע"כ אמרו איוב שהוא לא כן עשה ולא הלך לבו אחר עיניו ע"כ לא דבק בכפיו מאום.

ד) אה נא בענין ההונאה. כמה נקל הוא לאדם להתפתות וליכשל כאשר לכאורה יראה לו שראוי הוא להשתדל ליפות סחורתו בעיני האנשים ולהשתכר ביגיע כפיו לדבר על לב הקונה למען יתרצה לו ויאמרו על כל זה יש זריז ונשכר ויד חרוצים תעשיר. אמנם אם לא ידקדק וישקול מעשיו הרבה. והנה תחת חטה יצא חוח. כי יעבור ונכשל בעון ההונאה אשר הוזהרנו עליה (ויקרא כה) לא תונו איש את עמיתו גם לרמות את הא"י אסור וקרא כתיב (צפניה ג) שארית ישראל וכו' ולא ידברו כזב ולא ימצא בפיהם לשון תרמית. ע"כ.

ו) עוד אמרו ז"ל כל הגוזל את חבירו אפילו בשיעור מועט. ואמרו עוד (תענית דף ד') אין הגשמים נעצרים אלא בעון גזל. ועוד אמרו (ב"ר פ"י) קופה מלאה עוגות מי מקטרג בראש כלם גזל. ודור המבול לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל.

ז) ואם תאמר בלבבך ואיך אפשר לנו שלא להשתדל במשאו ומתנו לרצות את חבירנו על המקח ועל שוויו. חילוק גדול יש בדבר. כי כל מה שהוא להראות את הקונים אמיתת טוב החפץ ויפיו. הנה ההשתדלות ההוא טוב וישר. אך מה

שהוא לכסות מומי חפצו אינו אלא אונאה ואסור. וזה כלל גדול באמונת המשא והמתן.

ח) כיש עון הרבית שגדול הוא ככופר באלהי ישראל ח"ו. ואמרו ז"ל על פ' בנשך נתן ותרבית לקח חיה לא יחיה. שאינו חי לתחיית המתים כי הוא ואבק שלו משוקץ ומתועב בעיני ה'. ואיני רואה צורך להאריך בזה שכבר אימתו מוטלת על כל איש ישראל.

אמנם כללו של דבר כמו שחמדת הממון רבה כן מכשלותיו רבים. וכדי שיהיה האדם נקי מהם באמת עיון גדול ודקדוק רב צריך לו. ואם נקה ממנו ידע שהגיע כבר למדריגה גדולה. כי רבים יתחסדו בענפים רבים מענפי החסידות. ובענין שנאת הבצע לא יכלו להגיע אל מחוז השלימות. (ע"כ מספר` מסלת ישרים).

## פרק ט'

מעשה נורא וואס האט פאסירט מיטן "בית דין מכון להוראה", ווי אזוי זיי האבן בארויבט א היימישען חסידישן איד, ער האט נאר גהאט איין קליינעם טעות, ער האט געמיינט אז די אלע היימישע ארגאניזאציעס מיט די רבנים בראשם זענען ערליכע רבנים, ער האט זיך פארלאזט און געגלייבט פאר די רבנים, ביז זיי האבן אים בא'גנב'עט מיט שווערע מיליאנען, אויף א נידעריגן אופן וואס עס איז נאך נישט דערהערט געווארן.

# מעשה שהיה כך היה:

צד א׳:.........................צד ב׳: .........................

**<u>צד א׳ מיט צד ב׳ זענען אריין אין אַ שותפות דיל.</u>**

**ביידע צדדים האָבן פאַרקויפט סחורה פאַר צוויי מענטשען אין בראַזיל, פאַר אַ סכום פון 11 מיליאָן דאָלער.**

צד א׳ איז געגאַנגען צו דעם באַרימטן תורה אָטאָריטעט "מכון להוראה" אַז זיי זאָלן געבן פשוט אַן עיקול אַז צד ב׳ זאל נישט קענען פאַרקויפן אין די זייט די סחורה, ווייל עס איז דאָ שותפים, ביז זיי באַצאָלן דעם גאַנצען חוב.

דער הויפט דיין ראש בית דין פון וויזניץ מאנסי אברהם ברוך ראָזענבערג וואָס ער איז דער אבי אבות הטומאה פון דעם בית דין האָט געלאַכט פון די גאַנצע זאַך און האָט נישט געוואָלט געבן קיין עיקול.

ער האָט געזאָגט: ווי קען מען געבן אַן עיקול אויב מען גייט צו אַ דין תורה?

אברהם ברוך ראָזענבערג האָט געהייסען פאַר די ביידע שותפים זיי זאָלן אונטערשרייבן אַ בלענק שטרי בירורין, זיין כוונה איז געווען ער זאל קענען טוהן וואָס ער וויל, און ער האָט געזאָגט אַז נאָר אַזוי וועט מען קענען אַלעס מסדר זיין על צד היותר טוב.

(דאָס מיינט צו זאָגען, אַז אַזוי זענען די צוויי צדדים געקידנעפט ביי זיי, און מען וועט קענען אָנפאַנגען צו מעלקען וויפיל עס לאָזט זיך).

**די נעמען פון די רבנים זענען:**

**ר׳ אברהם ברוך ראזענבערג, ר׳ מרדכי באַבאַד, ר׳ דניאל געלדציילער.**

**די טוענים פון צד א׳ איז געווען: ר׳ יודל גרובער.**

**פון צד ב׳ איז געווען: ר׳ זלמן גרויז, דער אבי אבות הטומאה, דער מחבר אויף עירובין.**

צד א׳ האָט באַלד געזעהן דאָס די רבנים זענען שקצים, און זענען שוין אונטערגעקויפט. איז צד א׳ געגאַנגען אין קאָרט (על פי היתר פון הרב סענדר גראָס דער ראש בית דין פון אבן המשפט), און גערופען צד ב׳ אין קאָרט מאַכן אַן אינדזשאָנקשען.

דער בית דין מכון להוראה האָט געזאָגט: אַז אזוי ווי זיי האָבן אין טאַש אַ בלענק שטרי בירורין, ממילא איז צד א׳ אונטערגעוואָרפן אונטער זיי מיט אַלע טענות.

דער קאָרט האָט געזאָגט: אַז אַזוי ווי צד א׳ האָט אונטערגעשריבן אַ בלענק שטרי בירורין מוז צד א׳ צוריק גיין צום בית דין.

דעם בלענק שטרי בירורין האָט מכון להוראה גענוצט אַפילו אַ קענען אַ גויאישער קאָמפּאַני, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום דין תורה.

## מעשה שהיה כך היה:

צד א׳ האָט געסוט אַ גויאישע שיפינג קאָמפּאַני, ווייל די בראַזיליאַנער האָבן געגנב׳עט די סחורה.

צד ב׳ האָט אָבער נישט געטויגט אַז צד א׳ סוט די שיפינג קאָמפּאַני, ווייל עס איז פאַר זיי אַ גרויסער פּראָבלעם, זיי וועלען מוזען באַצאָלען צו די שיפינג קאָ. מען קען זיך מיט זיי נישט שפּילען.

זענען צד ב׳ געקומען צו אַ פּאַטענט, זיי וועלען אָפּקויפן די רע-בנים. אומר ועושה! **ווען די רע-בנים הערן פון געלט – האָניג!!! דאָס איז דאָך זייער זים.**

**די רע-בנים ענטפערן, פאַר גוטע געלט זענען מיר גרייט פאַר אייך אַלעס אויף די וועלט צו טוהן, עס איז נישט דאָ קיין שום אָפּהאַלט, נאָר געלט! געלט! געלט! געלט!.**

**דער בית דין שיקט די אידישע שטרי בירורין צו די קאָמפּאַני און זיי שרייבען אַז מען קען געזעצלעך גאָרנישט טוהן, ווייל די אַלע ענינים איז שייך צום בית דין. אַזוי איז אַ דורך אַ שטיק צייט.**

צד ב׳ האָט מודה געווען פאַרן בית דין אַז צד א׳ איז גערעכט און די סחורה באַלאַנגט צו צד א׳, אָבער הרב א.ב. ראָזנבערג וויל נישט אַרויס געבן אַ כתב אַז די סחורה באַלאַנגט צו צד א׳.

צד א׳ האָט גערופן די בראַזיליאַנער אין קאָרט, (ווייל ער האָט נישט אונטער געשריבן מיט זיי קיין שטרי בירורין). האָט איינער פון די בראַזיליאַנער גערופן צד א׳ צו הרב מאיר לאבין צו אַ דין תורה.

**צד א׳ האָט זיך אויסגענומען אַז ער איז מסכים צו גיין צו אַ דין תורה נאָר אויב עס וועט זיין די דין תורה אָהן אַ טוען. (ווייל צד א׳ ווייסט אַז די טוענים פאַרפירן אַלע דיני תורות).**

צד א׳ איז געגאַנגען צו הרב ר׳ מאיר לאַבין (דער זוהן פון זידיטשויבער רבי׳ן).

הרב לאַבין האָט צוגענומען צו זיך נאָך 2 (אומשולדיגע) רבנים.

ביי הרב לאַבין האָבןביידע צדדים אונטערגעשריבן שטרי בירורין (וואָס איז שוין געווען אין קאָרט) אין ענגליש.

הרב לאַבין האָט געבעטן אַז אַזוי ווי אונץ זעמער אידן מוז אויך אויך זיין אַ אידישע בלענק שטרי בירורין אַוועק געלייגט אין פייל.

**הרב לאַבין גיט אַרויס אַ פסק דין אַז דער אַנדערער צד דאַרף באַצאָלן צד א׳ אַריבער 7 מיליאָן דאָלער.**

צד א׳ איז געגאַנגען באַשטעטיגן אין קאָרט (קאָמפערמענט - דעם ״אבעטרעשען אויף ווארט״).

דער בראַזיליאַנער גנב וואָס האָט נישט געוואָלט באַצאָלן די געלט, האָבן גענומען צו זיך דעם באַרימטן טוען זלמן גראויז, און אויסגעאַרבעט אַ פלאַן ווי אזוי מלחמה האַלטן מיטן קאָרט אַז מען זאָל מבטל זיין דעם פסק דין.

זלמן גראויז האָט גענומען אַ לויער מייקל גאטעסמאַן אַ פראַפעשאָנאַל אויף די זאַכן מבטל צו זיין שטר בירורין און פסקי דינים.

הרב מאיר לאַבין האָט געהאַט ביי זיך 2 בלענק אידישע שטרי בירורין (אונטערגעחתמ׳ט. - דעם פאַטענט פון בלענק שטרי בירורין נוצען די רע-בנים אריינצוכאַפן די בעלי דינים - כדי ווער עס ווערט געבען

שפעטער מער געלט וועט מען אָטאָמאַטיש אַרבעטען פאַר זייער זייט).

הרב לאַבין האָט די בלענק שטרי בירורין אַוועק געגעבען צו צד ב׳ – דער בראַזיליאַנער גנב, 76הן דעם רשות פון די אַנדערע 2 רבנים וואָס האָבן געפירט די דין תורה.

עס פאַרשטייט זיך אַז אויף די בלענק אונטערגעחתמ׳עטע שטרי בירורין קען מען יעצט שרייבן וואָס מען וויל, הרב לאַבין האָט געמאַכט נייע הגהות, נאָך דעם האָבן צד ב׳ גענומען אַ גרויסען לויער, דער לויער האָט שוין מברר געווען, אַז די 2 אידיש און ענגליש שטרי בירורין שטימען נישט די לשונות.

❖ דער לויער איז געגאַנגען אין קאָרט מבטל זיין די שטרי בירורין, עס האָט אָפּגעקאָסט איבער זעכציג טויזנט דאלער צו געוואונען אין קאָרט, (ווער רעדט נאָך פון אַסאַך צייט פון צער מיט עגמת נפש), אויך האָט געקאָסט אַסאַך כוחות צו באַקומען אַ סירוב[1] אַקעגן די בראַזיליאַנער, און מען האָט געסעטעלט פאַר אַ קלענערע דזשאָרז׳מענט.

---

1) צד א׳ האט געבעטן פון הרב לאבין ער זאל געבען א סירוב פאר צד ב׳, פארן נישט פאלגען די דין תורה און פארן גיין אין קארט, הרב לאבין האט נישט געוואלט געבען.

❖ ווען צד א׳ האָט געפרעגט הרב לאַבין פאַרוואָס ער האָט אַוועקגעגעבן די שטרי בירורין פאַרן צד ב׳ (די בראַזיליאַנער גנבים) האָט הרב לאַבין געענטפערט, ער האָט פשוט געמאַכט אַ טעות.

❖ צד א׳ זאָגט פאַר הרב לאַבין, דו האסט דאָך מיר שאָדען געמאַכט איבער אַ מיליאָן דאָלער?

## הערט און שטוינט די תשובה פון דעם רב – הרב לאַבין!

**"דו האָסט געמאַכט אַ גרויסען טעות, עס איז דיין שולד, ווייל דו האָסט יענעם געטראָסט".**

❖ הרב לאַבין איז געווען אַמאָל ערליך, ער האָט גע׳אַרבעט קודם אין בית דין צדק משפט שלום, וואָס דאָרט נעמט מען נישט קיין געלט, נאָר אַ קליינעם סכום פון 150$ ווי גרויס די דין תורה זאָל נאָר זיין. –

❖ הרב לאַבין האָט געזעהן דאָס ער קען שוין גוט דעם פאַך, נו אויב אַזוי וואָס דאַרף ער זיצען ביי אַ דין תורה פון 20 שעה און פאַרדינען 150$ ער קען די צייט פאַרדינען צענדליגע טויזנטער דאָלאַרן.

❖ ממילא איז הרב לאַבין אַריין אין די קליקע פון די מאַפיאַ פון די רבנים און איז געוואָרן אַ שותף מיט די

גאַנצע קליקע און איבערהויפט מיט זלמן גרויז, און אַזוי מאַכט מען געלט, פון באַרויבען אומשולדיגע אידישע קינדער וואָס גלייבן נאָך און מיינען נעבעך אַז עס איז דאָ ערליכע רבנים.

(שטרי בירורין.) לעשות מיטינג כל האנשים ביחד, ואז יתנו כסף האסיפה יהי' אצל... בביזנעס שלו או בהבית המדרש

"להעתיק קצת ממשפטי סדום" - (להעתיק החוק שעשו שלא יוכלו לשנותו כלום מדי"ת העקומים.)

**גדולי דורינו שיצאו נגד הרע-בנים - כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר זצ"ל, דעברעצין, פישער, הוניאַד, טשאַקעווע, סארוואש, אונגוואַר, תשובות, האַלמין, שווייצער, ויען אברהם, מענדלאָוויץ, הקדמה. בלשון הקודש מספרי - שער של הספר "לשלומי משפטיך" לתרגמו בענגליש.**

**אַ רוף צו אַלע רבנים! און צו אַלע אידן!**

# שמע ישראל! לא עת לחשות!

## יתומים היינו ואין אב, בּאָראָ פּאַרק מר תבכה ואין מוחה דמעותיה!

עת צרה היא ליעקב אשר כמוהו לא נהייתה וכמוהו לא תוסיף

דריי אומשולדיגע יונגע קרבנות זענען אַוועק געריסן געוואָרן, יעדער ווייסט די אמת'ע פּראָבלעמען וועגן די פאַלטשע דיני תורות, און קיינער איז נישט מעורר און קיינער טוט גאָרנישט אָפּצושטעלן די ביטערע מגיפה פון די פאַלטשע דיני תורות! איינער שרייט צניעות, איינער שרייט ווידיא, איינער שרייט אינטערנעט, אמת די לעצטע דערמאַנטע זאַכן ברענגען צרות, אָבער דעם אמת וואָס די תורה זאָגט מפורש שרייט קיינער נישט.

מיר האָבן אָנגעפרעגט בעלי מקובלים, פאַרוואָס עס איז געשעהן דער ביטערער אומגליק פון די טייערע הייליגע נפשות, האָבן זיי געענטפערט אַז דאָס איז נישט אין זייערע עבירות נאָר אין די זינד פון פאַלטשע דיני תורות.

# ווי לאַנג נאָך וועלן אַלע רבנים און ראשי הקהילות שווייגן!

דער נביא ירמי' שרייט: אמר ה' עשו משפט וצדקה והצילו גזול מיד עושקו וכו' (ירמי' כ"ב ג').

דער ילקוט שרייט: אשמיהם של ישראל תלויים בראשי דייניהם (ילקוט שמעוני יחזקאל רמז שמא).

די גמרא שרייט: אין מסכת שבת (דף קל"ט ע"א): אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל . . ואין הקב"ה משרה שכינתו על ישראל עד שיכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל כו'. - דער מהרש"א אין חדושי אגדות שרייט, וז"ל: ונראה... שפורענות אש היא הקשה שבכל פורענות, שמכלה את הכל . . ולזה אמר שכל פורעניות וכו', היינו פורעניות אש הכולל כל פורעניות שהוא מכלה הכל, לא באה אלא בשביל דיינים, כמו שהי' בסדום, כמפורש פ' חלק, והוא הטעם שהדין ישר הוא קיומו של עולם, וההיפך המעוות משפט הוא מהרס קיומו של עולם, והי' ראוי לבוא עליהם פורענות זה המכלה הכל כו'. עכ"ל.

והנה ידוע בשם הנודע ביהודה זצ"ל, שכל הנוגע ברכוש בני ישראל בגלות (על ידי עיוות הדין), הרי זה כנוגע בבבת עינו, ומי שמציל רכוש ישראל (על ידי משפט אמת), הרי זה כאילו הציל כל כלל ישראל.

ובמסכת (סנהדרין דף ז') איתא: כל דיין שנוטל מזה ונותן לזה שלא כדין, הקב"ה נוטל ממנו נפשו.

עס ווערט געברענגט אין תו"כ (ויקרא י"ט ל"ה, הובא ברש"י עה"ת שם) לא תעשו עול במשפט, כל דיין המקלל את הדין, קרוי "עול" שנאוי ו"משוקץ" "חרם" ו"תועבה", וגורם לחמשה דברים: "מטמא את הארץ" ו"מחלל את השם" ו"מסלק את השכינה" ו"מפיל את ישראל בחרב" ו"מגלה אותם מארצם", עכ"ל.

---

**מיר פרעגן, רבותי! פאַרוואָס אין א"י, לאָנדאָן, אַנטווערפּען זענען די דיני תורות כשר, און דווקא דאָ אין אַמעריקע די צווייטע גרעסטע שטאָט וואָס האָט די גרעסטע אידישע קהילות אין דער וועלט זענען אַלע דיני תורות פאַלטש און קאַרופּטעד!**

**פאַרוואָס לאָזט מען צו אַז אַזעלכע ביטערע גנבים און רוצחים ווי שמואל**

**פריד און זלמן עשו זאָלן באַרויבן הונדערטער משפחות, וואָס דאָס מיינט אַז פון דעםליידן טויזנטער אידישע נפשות?**

יעדער ווייסט גאַנץ גוט אַז יעדער נעמט זיי ווייל ער האָט מורא דאָס דער צווייטער שותף דער אמת'ער גנב וועט זיי נעמען, וועגן דעם פראָבירט ער איינעם פון זיי צו כאַפן קודם! צום סוף טוט ביידע בעלי דינים לייד, ווייל דער שמואל פריד מיט גראויז עשו האָבן ביידע בעלי דינים אויסגעליידיגט נקי מיט די הילף פון די שותפים, די אַזוי גערופענע בתי דינים משפטי סדום ועמורה.

יעדער ווייסט אַז פריד און גראויז עשו האָבן אַלע רבנים אין טאַש, איינער פון זייערע הויפט שטיצערס איז דער דיין פון מכון להוראה וואָס רופט זיך אַ ראש בית דין, און לכבוד דעם איז ער אַ שיינער איד אין

וויזניץ דמאנסי!, (ווייל זיי ווייסן נישט דעם אמת ווער ער איז) — דאָס איז בלויז איינס פון די 4 בתי דינים ווי זיי כאַפּן אַריין זייערע אומשולדיגע הייליגע קרבנות (וואָס דער סוף פון די קרבנות איז ל"ע האַרץ אַטאַקס, מיט סטרויקס רח"ל), די אַנדערע בתי דינים מיינען מיר דער סניף לדי"ת פון התאחדות הרבנים[2], איז דער אַזוי גערופענער די"ת פון אגודת הרבנים הרע-ב גינזבערג בראש, (וואָס יעדער ווייסט אַז די אגודת הרבנים מיינט מען נאָר גינזבערג, ווייל די גאַנצע אָרגאַניזאַציע באַשטייט נאָר פון אים און נאָך 2 קרוקס). עס איז אויך באַוואוסט די רוצחים מאַפּיאַנערן בעלסקי מיט

---

1) מיר מיינען נישט חס ושלום די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון התאחדות הרבנים, מיר מיינען נאָר דער סניף לבתי דינים, וואָס פירן אָן אַ באַנדע רויבערס רח"ל.

דעיווויד קאָהן פון פלעטבוש וואָס זענען אָפּען מתיר מסירה און רציחה, און זעצן אַריין היימישע אידן אין תפיסה, און ווען זיי הערן אַז מען האָט אַ איד אַריינגעזעצט אין תפיסה זענען זיי מלא שמחה. אוי למה שהגענו! אלה אלוהיך ישראל!!!

אידן לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון די בתי דינים און פאַלטשע בוררים וטוענים וואָס פירן אָן מיט די אָסטראָנאָמישע[2] דיני תורה שווינדלעריי!!! וואָס דאָס איז שרעקליכע וויי-געשריי פון כלל ישראל.

---

2) זייט מוחל און קוקט נאָך די דידס פון די אַזוי גערופענע רע-בנים וועט איר זען וויפיל הייזער און לאַטס זיי פאַרמאָגן, אַ חוץ די וואָס האָבן אַלעס אויף פאַלטשע נעמען, וד"ל.

געדענקט! מיר גיבן אַייך אַ סימן, אויב ווילט איר וויסען אויב דער בית דין וואָס איר ווילט גיין צו זיי איז אַ כשרע בי"ד און נישט קיין באַנדע רויבערס, איז דער ערשטער סימן, אויב נעמען זיי אַריין דעם זלמן עשו הרשע און דער רוצח שמואל פריד, איז אַ סימן אַז דער בי"ד זענען די זעלבע רשעים ווי זיי רח"ל, און טרעטס נישט איבער זייער שוועל, ווייל עס קען אַייך קאָסטן מיטן לעבן ל"ע).

אַלע רבנים ווייסן וואָס עס גייט פאָר ביי די בתי דינים, מיר שרייען געוואַלד זיי זאָלן זיך נעמען טוען, איידער עס ווערט צו שפעט.

קנו הצלת אבן מקיר תזעק נפשות

**רבנים געדענקט! מיר האָבן שוין אָנגעגרייט 400 זעק, מיט שופרות, עס וועט זיין צו שפעט. מיר ווען אַלע פאַלטשע בתי דינים מנדה זיין!**

**גערענקט!! מיר האָבן אייך געווארענט!!!**

## פאָלגט נאָך די ווייטערדיגע מודעות

די אויסוואָרפן פירן זיך אַז ווען זיי זעהן אַז זיי פאַרלירן די דין תורה, שיקן זיי יענעם אין קאָרט, רח״ל. אַזוי פירן זיי זיך, און עס קומט אויס אַז לא די זה וואָס אַ איד גייט צו אַ פאַלטשע דין תורה, פאַרלירט ער דורך דעם זיינע געזעצליכע רעכטן, רח״ל.

מיר קלאָגן מיט אַ פאַרבלוטיגט האַרץ פול מיט טרערן, מיר באַוויינען אונזער בראָך, אַז מענטשען (בעסער געזאָגט, שדים ורוחות אין צורה פון צוויי פיסיגע חיות טורפות) זאָלן האָבן אין זיך אַזוי פול חוצפה און עזות צו ברענגן אזעלכע חורבנות אויף כלל ישראל. זיי האָבן שוין פאַרלוירן יעדעס ביסל בושה פון מענטשהייט.

עס איז דאָך שומו שמים. זיי שעמען זיך נישט, נישט פאַרן בורא עולם, און אַוודאַי נישט פון כלל ישראל. עס האַלט שוין אַזוי ווייט אַז זיי מיינען אַז מיט כח און מוח וועלן זיי פאַרפירן גאַנץ כלל ישראל.

**מיר בעטן אַלע גדולים, רבנים ואדמורי"ם כו', יעדער איד אשר יראת ה' נוגע ללבו צו ראַטעווען דעם כלל ישראל פון אונטערגאַנג ח"ו, זאָלן עפענען זייער מויל אַרויס צו זאָגן דעם אמת וואָס זיי ווייסן, און זאָלן אַרויסגיין אַקעגן די שונאי ישראל רוצחי נפשות וואָס ברענגען אום אומשולדיגע קרבנות, און זאלן צוהעלפען צום קאַמפיין צו ראַטעווען די אידן פון אומגליקן רח"ל.**

מורי ורבותי! עס איז געקומען די צייט, אויב די רבנים וועלן נישט טוען צו דער זאַך, אַרויסצוגיין בריש גלי' און אָרגאַניזירן אַן אמת'ן כשר'ן בית דין, וועלן מיר זיך מוזן אָנטוען שק ואפר און אַרויסגיין פּראָטעסטירן אין מאַנהעטן אַקעגען די פאַלטשע בתי דינים, און זיי מפרסם זיין.

מיר האָבן שוין אָרגאָניזירט אַלע צייטונגען וואָס וועלן דאָס באַשרייבן, מיר האָבן שוין גענוג מיט געמאַכט, עס האָט שוין אָפּגעקאסט גענוג קרבנות רח"ל.

מיר ווילן פרעגן ווי זענען אַלע אונזערע געטרייע ערליכע רבנים וואָס נעמען פון אונז עשירים אַזויפיל געלט???

ווי זענען אַלע אונזערע קהילות וואָס דארפן זיך זאָרגן פאַר אונז???

דער סך הכל איז: מיר בעלי בתים ווען זיך נישט לאָזן פירן מער ביי די נאָז ווי ביז יעצט!!! אויב עס וועט נישט געטוען ווערן ערנסטע שריט, וועלן מיר אַליין טוען, און עס וועט דאַן זיין צו שפעט. — פאָלגט נאָך ווייטערדיגע באַריכטן.

**וה׳ יבער את הקוצים מן כרמו, ונזכה לראות בנחמות ציון וירושלים תובב״א.**